STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02241

SHOLEM ALEYKHEM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם

צו זיין 90 יאָריקן געבוירן־טאָג

(1859 – 1949)

רעדאַגירט דורך י. גיליגיטש און י. ראַפּאָפּאָרט

אַרויסגעגעבן דורך דער צענטראַלער יידישער קולטור־
אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליע און די יידישע שולן אין מעלבורן
א. נ. פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם.

מעלבורן 1949

Sholom Aleichem

In honour of the

90th Anniversary of his birth

(1859—1949)

●

Edited by J. GILIGICH
I. RAPOPORT

●

Published by the Central Yiddish Cultural Organisation of Australia and the I. L. Peretz & Sholom Aleichem Yiddish Schools of Melbourne.

MELBOURNE 1949

הקדמה

אין 1949 איז געוואָרן 90 יאָר זינט שלום עליכם איז געבוירן געוואָרן. אין מעלבורן איז די דאַטע אַדורך כמעט אומבאַמערקט. די יידישע שולן אין מעלבורן (איינע פֿון זיי טראָגט דעם נאָמען פֿון שלום עליכם), וואָס אין זייער פּראָגראַם פֿאַרנעמט שלום עליכם אַ זייער באַדייטנדן אָרט, האָבן דעריבער באַשטימט בשותּפֿות מיט דער היגער צענטראַלער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע אַרויסצוגעבן אַ בראָשור וועגן שלום עליכם, אין שייכות מיט דער אויבנדערמאָנטער דאַטע.

די בראָשור פֿאַרמאָגט אַן אָפּהאַנדלונג פֿון באַוווּסטן ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט וועגן דער אַלגעמיינער שאַפֿונג פֿון שלום עליכם, און אַן אָפּהאַנדלונג פֿון דעם פֿאַרוואַלטער פֿון די יידישע שולן אין מעלבורן, דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג י. גיליגיטש, וועגן שלום עליכם דעם קינדער־שרייבער.

מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו געבן איניקע בריוו פֿון שלום עליכם, וואָס זענען אַ קונסט־ווערק פֿאַר זיך אַליין און אַ זיי כאַראַקטעריזירן שלום עליכמען דעם הומאָריסט אפֿילו אין פּריוואַטן לעבן.

צוליב מאַנגל אין אָרט איז נישטאָ שלום עליכמס ביאָגראַפֿיע. מיר האָבן אָבער אַריינגענומען אין דער בראָשור אַ בריוו פֿון שלום עליכמען צו ראַווניצקין, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אויטאָביאָגראַפֿיע אין אַ זייער קאָנדענסירטער פֿאָרם.

מיר האָפֿן, אַז די פֿריינט פֿון יידישן וואָרט וועלן די שלום עליכם־בראָשור אויפֿנעמען בסבר פּנים יפֿות, און אַז די בראָשור וועט נישט בלייבן קיין בת־יחידה.

די אַרויסגעבער

שלום עליכמס אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן

(אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקין)

... אין אַ קליין שטעטל וואָראָנקאָוו ווי אַ טל ומטר די גרויס, נישט ווייט פון דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו (וואו איך בין אין 1859 יאָר געבוירן געוואָרן) — דאָרט האָב איך פאַרבראַכט די בעסטע גילדענע יאָרן, מיינע ערשטע גוטע נאַרישע קינדערישע יאָרן. אין דעם דאָזיקן קליינעם וואָראָנקאָוו איז מיין פאָטער געווען דער מיוחס, דער גביר, דער גבאי ראשון פון אַלע חברות, „רב נחום וועוויקס"! און מיר — רב נחום וועוויקס קינדער, אויך נישט קיין קליינינקייט! אַלע שבת צו נאַכט איז געווען ביי אונדז אַ מלוה מלכה פאַר דעם גאַנצן שטעטל, אַלע יום־טוב איז מען געקומען צו אונדז אויף קידוש. אַלע נייעס האָט מען גע־בראַכט צו אונדז און אַרויסגעטראָגן פון אונדז, אַ גלעזל וויין האָט מען געטרונקען ביי אונדז, פונם רבין האָט מען גערעדט ביי אונדז, פון פּאָליטיקע ביי אונדז, אַלצדינג ביי אונדז. און אונדז, נחום וועוויקס קינדער, האָט מען געהאַלטן חשוב, געפירט בדרך הישר, אָפּגעגעבן צום בעסטן מלמד צו רב זרחן, און פרום זיינען מיר געווען באמת.

איך געדענק נאָך אַצינד דעם זיסן טעם פון די טרערן, וואָס מיר האָבן פאַרגאָסן פון אונדזער רבינס מוסר, און מיר פלעגן זיך נאָכדעם ביים דאַווענען שלאָגן אשמנו אויף אונדזערע גרויסע, גרויסע זינד, וואָרום איינאיינעם מיט דער פרומקייט זיינען מיר אויך געווען גרויסע בעל־עבירות: ליגנערס, נישט געפאָלגט דעם טאַטן, געהיפּט אינם דאַווענען, געגנבעט געלט פון דער צדקה־פּושקע (זע „דאָס מעסערל"). היינט הרהורים, מחשבות זרות, געדאַנקען!... איינער איז געווען צווישן אונדז אַ חבר, אַן עלטערער, אלי האָט ער געהייסן, אַ יינגל אַ חתן, האָט ער אונדז דערציילט מעשיות, געוועקט ביי אונדז דעם יצר הרע, פאַר־דאָרבן, געמאַכט אונדז פאַר גרויסע און נאָכדעם האָט דער רבי געזאָגט מוסר, און מיר האָבן געוויינט, געגאָסן מיט טרערן און געדאַווענט ערלעך, נישט געהיפּט, געשלאָגן זיך אשמנו און געוויינט, תשובה געטאָן.

די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדוויז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפן — מדינות, ביימער — מענטשן, גראָז — חיל, שטעכלקעס און קראָפּיווע

—פּלשתּים, אדום און מואב און איך פּלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה (זע „גרינס אויף שבועות").

אויפכאַפּן דאָס לעבעריקע פון יעדן מענטשן — דאָס איז געווען ביי מיר כמעט אַ חולאַת. איך פּלעג, נישט ווילנדיק, נאָכמאַכן איטלעכן באַזונדער: פונם רבין רב זרח מיט זרחליכען, מיט אַלע חברים, מיט זייערע טאַטע־מאַמע ביז להבדיל אַניסקאַ דעם סטראָזש מיט די אויסגעדרייטע פיס — און פאַר אָט דעם נאָכמאַכן האָב איך געכאַפּט פּעטש ווי האָלץ. אין חדר בין איך געווען דער קאָמיקער, אַלע פּלעגן לאַכן, ביזן טויט לאַכן, אַ חוץ מיר. נאָר אין דער היים האָט די מאַמע באַמערקט מיינע שטיק, און פון דעמאָלט אָן האָט זי גענומען אויסקאָרעניען אין מיר די דאָזיקע תנועות.

נאָר איינער איז געווען מיט מיר אַ גלייכער אויף מאַכן אָנשטעלן, זיך פאַרשטעלן, „שפּילן" זיך, „גרימירן" און בשעת מעשה זינגען שיינע, וואונדער שיינע לידער. דאָס איז געווען מאירל דעם רבינס, אָדער מאיר מעדוויעדעוו, דער געוויסער נאָכדעם באַרימטער ארטיסט מעדוויעדיעוו. די קונץ פון שפּילן איז געווען אַנטפּלעקט פאַר אים נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען באָרוועס און געזונגען דאָס שענסטע ליד פאַר אַ גראָשן אָדער פאַר אַ האַלבן עפּל. מיר אַלע האָבן געשפּילט דעם „גזלן", אַ טעאַטער־שטיק, אונדזער אייגענע פאַנטאַזיע. מעדוויעדעוו איז געווען דער גזלן, איך בין געווען דער ייד, דער אָרעמאַן, און די איבעריקע חברים זענען געווען דער וואַלד (דיביימער פון וואַלד — כי אדם עץ השדה). איך, דער ייד דער אָרעמאַן (דער „אייביקער ייד"), בין געשטאַנען פאַר אים (פאַרן גזלן) אויף די קניען, געטענהט: וואָס האָסטו צו מיר, איך בין אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַן אביון! און ער, דער גזלן (מעדוויעדעוו) מיט אַ קאַלאַדאַטש מעסער אין האַנט, האָט געזונגען זייער אַ שיין לידל: אַז ער מוז, מוז אויסקוילן אַלע יידן!... אָ, קינדערישער נאַרישער שכל! קיין היסטאָריע האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט געלערנט, קיין נביאים זיינען מיר נישט געווען; פון וואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען, אַז דער ייד איז אַן אביון און באַדאַרף קניען פאַרן גזלן, און ער, דער גזלן, באַדאַרף זינגען אַ לידל: אַז ער מוז, ער מוז אויסקוילן אַלע יידן!?...

ווי ווייט שלעכט און פאַרדאָרבן מיר זיינען נישט געווען, איז דער געפיל פון צער בעלי חיים געווען ביי מיר אַזוי גרויס, אַז אַ קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט (זע „מתושלח"), אַ הונט מיט אַן איבערגעבראָכענעם פוס האָט אַרויסגערופן ביי מיר טרערן (זע „ראַבטשיק") און אפילו

אַ קאַץ וואָס איז גאָר טמא, אַ שרץ, איז ביי מיר געווען טייער און ליב, און פון קראַנקע אָרעמע קינדער שמועסט מען נישט (זע „באַשעפעניש").

דער חשק צו שרייבן — מערקווירדיק — האָט זיך גענומען ביי מיר פון דעם רבינס רב זרח זעלטן שיין הענטל... פּאַר אַ שיינעם „כתב" האָט אונדז דער טאַטע געשענקט אַ גראָשן („האָנאָראַר") און צוליב דעם שיינעם כתב האָב איך זיך אויפגעגנייט אַ ביכל און האָב שיין אָנגעשריבן („פּאַרפאַסט") אַ גאַנצן חבור אויף תנ"ך און אויף דקדוק, און אַז איך האָב דאָס באַוויזן דעם טאַטן, איז ער נתפּעל געוואָרן פון מיין „ווערק" און האָט דאָס לאַנג, לאַנג אַרומגעטראָגן ביי זיך אין קעשענע, באַוויזן איטלעכן באַזונדער, ווי שיין זיין זון שרייבט (אַלט האָב איך באַדאַרפט זיין דעמאָלט אַ יאָר צען), ווי קלאָר ער איז אין תנ"ך און ווי גוט ער קען דקדוק. דערויף האָט געזאָגט אונדזער שכן, אַ ייד אַ חסיד מיט אַ צאַפּן בערדל, רב אייזיק, וואָס פלעגט קווּטשען בשעת דאַוונען ווי אַ קעצל: דקדוק שמינדיק פינדיק בלע"ז; דער עיקרשט איז ביי מיר דאָס הענטל! אַ גאָלדן הענטל! („די ערשטע קריטיקע").

געצויגן האָט מיך אַלץ אַהין אין יענע עולמות, פון רוחניות, פון חלומות, פון נגינה (זע „יאָסעלע סאָלאָוויי"), פון שפּילן (זע „סטעמפּעניו"), און איך האָב אַליין נאָך דער בר מצוה בגנבה זיך צוגעכאַפּט צום פידל און האָבן געכאַפּט דעם רעכטן פּסק פון מיין טאַטן (זע „אויפן פידל").

פאַראָרעמט געוואָרן, זענען מיר אַריבערגעפאָרן פון וואָראָנקאָוו צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט מען אונדז אויפגענייט די ערשטע קורצע קאַפּאָטקעלעך און אַז די מאַמע איז געשטאָרבן (פון דער כאָלערע) האָט אונדז דער טאַטע אָפּגעגעבן אין דער שקאָלע און איך האָב מיך אויסגעפיינט צווישן אַלע קינדער, באַוויזן אַ סך בריהשאַפט, און נאָך דעם ערשטן ביכל וואָס איך האָב אויף מיין לעבן געלייענט צו פופצן יאָר, „ראָבינזאָן קרוזא", האָב איך תיכף ומיד געמאַכט אַן אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזאָ" מיטן נאָמען: „דער צווייטער ראָבינזאָן", באַוויזן דעם טאַטן און דער טאַטע האָט באַוויזן די אורחים (ביי אונדז איז געווען אַן אכסניה) און אַלע זענען אַרויס פון די כלים!

פון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אבן טוב, מיך אַרויסגענומען פון דער שטיפמאַמעס רשות, נישט געלאָזט מען זאָל מיך שלאָגן, נישט געלאָזט מיך וויגן אירע קליינע קינדער, נישט געגעבן מיר האַקן ראָזשינקעס ווי פריער (ביי אונדז איז אויך געווען אַ וויין־קעלער מיטן נאָמען „יוזשני ביערעג") און פאַרווערט מיר

שלום עליכם (ראַבינאָוויטש) און זיין פרוי אָלגאַ.

שלום עליכם און בעל־מחשבות

פוצן פאַר די אורחים די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר, לויפן אַ גאַנג וכדומה אַזעלכע מלאכות, וואָס איך פּלעג זיי טאָן ביז יענער צייט.

אין דער עפּאָכע וואָס פון 17 ביז 21 יאָר ביז איך האָב שטודירט אויף ראַבינער האָב איך אַ סך, אַ סך געלייענט, נאָר נאָך מער גע־שריבן, און געשריבן האָב איך אַלץ וואָס איך האָב געלייענט: לידער, פּאָעמען, דראַמען אָן אַ שיעור און גלאַט מאמרים אין דער וועלט אַריין! מיינע „ווערק" האָב איך געשיקט אין אַלע יידישע און גויאישע רעדאַק־ציעס (איך האָב געשריבן לשון קודש און אין רוסיש) און די רעדאַק־ציעס האָבן ברוך השם געהאַט מיט וואָס צו הייצן די הרובעס, פאַר־שפּאָרט קויפן האָלץ... נאָר איין „המליץ" האָט אָפּגעדרוקט אַ צוויי־דריי פון מיינע „מאמרים" מיט אַ הערה פון דער רעדאַקציע מיט קליינ־טשיקע אותיעלעך: שפתך אתך (דיין שפּראַך איז מיט דיר), שלח דברים וכבדנום (שיק דיינע רייד וועלן מיר זיי פאַרצוקערן) — און איך האָב אָנגעהויבן שרייבן לשון קודשדיקע „מאמרים" אויפן פּוד, גאַנצע וואַגאָנעס מיט „מאמרים", נאָר מען האָט זיי נישט געוואָלט „פאַרצו־קערן", איך וויים נישט פאַרוואָס!...

בעת ההיא — אין יענער צייט (1883) האָט זיך באַוויזן אַ יידיש בלאַט, דער ערשטער יידישער בלאַט אין זשאַרגאָן („פאָלקסבלאַט" פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים) און אַזוי ווי די גוים האָבן מיינע „ראָמאַנען" און מיינע „דראַמען" נישט געוואָלט דרוקן און לשון קודשדיקע „מאמרים" זענען אויך געלעגן נישט „פאַרצוקערטערהייט", האָב איך מיך געפּרוּווט אויף טשיקאַוועסט אָנשרייבן עפּעס אַ זאַך פּראָסט אויף דעם לשון וואָס מען רעדט, אויף דעם לשון פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז דעמאָלט געקומען מיר אין האַנט, און שטעלט אייך פאָר, אַז מען האָט דאָס אויפגעכאַפּט און דער רעדאַקטאָר אַליין האָט מיט זיין האַנט מיר אָנגעשריבן אַ בריוו און געבעטן (איר הערט? געבעטן!) איך זאָל שרייבן נאָך — און פון יענער צייט אָן האָב איך אָנגעהויבן געבן פעליעטאָנען, און וואָס מער איך האָב געגעבן, אַזוי מער האָט מען מיר געשריבן איך זאָל שיקן נאָך, און צו דעם האָט זיך אונטערגעכאַפּט מרדכי ספּעקטאָר אַלס מיטאַרבעטער אין „פאָלקסבלאַט", וואָס האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסן איינפלוס, וואָרום אַ סך זאַכן האָב איך גע־שריבן צוליב אים. ער האָט מיך נישט אויפגעהערט בעטן איך זאָל שרייבן עד היום הזה. דאָס איז אָבער געווען ביי מיר נישט מער ווי אַ שפּילעכל, ביז עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט אַ „מעסערל", וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין אַרט שרייבן און אויך אין מיין גאַנצן לעבן.

יענע צייט איז געווען ביי מיר אַ צייט פון מסחר, פון געלט, פון

בערזע, פון פּאַפּירן וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען נישט שייך צו ליטעראַטור. איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט, ווי מען זאָגט, אין די פּערדערן, אין די גרויסע שווערע טויזנטער און וואָלט אפשר אַוועק אויף אַן אַנדער וועג, עס קען זיין דעם אמתן וועג — ווער קען וויסן? — — — געקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין וועגן פאַרשידענע גרויסע עסקים און אָנגעמידט פונם טאָג, האָב איך מיך געלייגט שלאָפן און האָב נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. בין איך אויפגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרייבטיש און אָנגעשריבן נישט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן, אַ זאַך, אַ דעראינערונג פון מיינע חדר־יאָרן און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן „דאָס מעסערל” און האָב דאָס אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע און פאַרגעסן.

ויהי היום, איך לייען דעם „וואָסכאָד”, טרעף איך אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור פון „קריטיקוס” (דובנאָוו) איבער פאַרשידענע שמאַטעס און בתוכם מיין „מעסערל”. מיט אַ שרעקלעך האַרצקלאַפּעניש האָב איך איבערגעלייענט די עטלעכע וואַרעמע שורות פון דעם „קריטיקוס”, וואָס לויבט דאָס „מעסערל” מיינס און זאָגט נביאות, אַז דער יונגער מחבר פונם „מעסערל” ווייזט אויס אַ טאַלאַנט צו זיין און ער וועט נאָך אַמאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונדזער אָרעמער יידישער זשאַרגאָן־ליטעראַטור.

מיט טרערן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָב איך איבערגעלייענט נאָך אַמאָל די דאָזיקע ווערטער פונם ליבהאַרציקן „קריטיקוס” און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט איך זאָל שרייבן אין דעם אַרט נאָך און נאָך — פון דעמאָלט אָן שטייען מיר פאַר מיינע אויגן די עטלעכע וואַרעמע גוטע געטרייע ווערטער, און איטלעכס מאָל ווען איך שרייב אָן אַ נייע זאַך פאַרגעס איך נישט פרעגן ביי זיך אַליין: „וואָס וועט זאָגן דערויף קריטיקוס”?... פון דעמאָלט אָן האָב איך דאָס געלט פאַרלוירן, נאָר מוט איז מיר געבליבן און איך האַלט שטאַרק די פּען אין האַנט. צי דאַרף איך אים זאָגן אַ דאַנק, דעם דאָזיקן „קריטיקוס” (דובנאָוו), צי חלילה פאַרקערט?... דערויף בין איך נישט קיין באַלעבאָס. איך בין פאַרקראָכן מיט מיין הולאַת (שרייבעריי) אַזוי ווייט, אַז איך הויב שוין אָן געהערן נישט צו זיך און נישט צו מיין הויזגעזינד, נאָר מער צו אונדזער ליטעראַטור און צו יענעם גרויסן געזינדל, וואָס הייסט פּובליקאַ...

שלום עליכם

י. ראַפּאָפּאָרט

שלום עליכם — דער פֿאָלקסטימלעכער זשעני

מענדעלע מוכר ספרים איז געווען דער זיידע פֿון דער יידישער ליטעראַטור; פּרץ האָט אין איר געשפּילט די ראָל פֿון אַ רבי, און שלום עליכם איז געווען פּראָסט פּשוט אַ גוטער חברה־מאַן אין דער יידישער ליטעראַטור: שלום עליכם — דאָס איז אַ „נאַש בראַט", אַן אייגענער מענטש.

כדי קלאָרער אַרויסצוברענגען שלום עליכמס פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור, וועל איך נעמען צו הילף אַ יוגנט־דעראינערונג.

דאָס איז געווען אין ביאַליסטאָק, אין 1910. מענדעלע האָט דאַן דורכגעמאַכט זיין טריאומף־רייזע איבער די שטעט פֿון יידישן „תחום המושב". די יידישע יוגנט פֿלעגט אויסשפּאַנען די פֿערד פֿון זיין קאַטש און אַליין זיך איינשפּאַנען אין איר, כדי אָפּצופֿירן דעם אַלטן שרייבער פֿונם זאַל, וואו ער פֿלעגט פֿאָרלייענען זיינע ווערק, אין האָטעל אַריין. די וואַרשעווער יידישע פּרעסע איז פֿול געווען מיט מענדעלען און מיט זיין טריאומף־צוג.

אין דער יידישלעך־יחוסדיקער שטוב פֿון אַ פֿרומען משכיל, וואו די אַלט־יידישע קולטור־אוצרות האָבן געלעבט פֿרידלעך זייט ביי זייט מיט די אייראָפּעאישע, האָט די באַלעבאָסטע געפֿרעגט, האַלטנדיק אין די הענט דעם וואַרשעווער „היינט" מיט מענדעלעס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע:

— ווער איז ער דאָס דער דאָזיקער מענדעלע, וועגן וועמען מען שרייבט אַזוי פֿיל, מיט וועמעס פֿאָטאָגראַפֿיעס עס זענען פֿול די צייטונגען?

און דער באַלעבאָס פֿון הויז, דער פֿרומער משכיל, האָט געענטפֿערט מיט אַ פֿאַראַכטנדיקן טאָן:

— דאָס איז זייער „תנא ברא"...

דער דאָזיקער פֿאַראַכטנדיקער „זייער" איז באַגלייט געווען מיט אַ

פאַראַכטנדיקן בליק אין דער זייט פון יונגן דור אין דער דאָזיקער שטוב, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ שטילער קאַמף צווישן די דורות, ווי אין יעדער איבערגאַנגס־עפּאָכע.

און ווען מענדעלע איז געקומען צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק, איז זיין קומען געווען אַ פריילעכע געשעעניש כמעט בלויז פאַרן יונגן דור; פאַרן אַלטן דור איז דאָס געווען אַ פרעמדער יום־טוב, און אפשר טאַקע אַ פּראָוואָצירנדיקער.

אָבער אין דער זעלבער שטוב, וואו מענדעלע איז געווען אַ גייס־טיקער שונא, איז שלום עליכם געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי אַלעמען, — דער אַלטער און דער יונגער דור פלעגן זיך פאַראייניקן אין הילכיקן געלעכטער ביים אָפטן פאָרלייענען שלום עליכמס דערציילונגען.

און ווען שלום עליכם איז געקומען צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, איז די גאַנצע שטאָט געווען אויסער זיך פאַר פרייד — אַלע האָבן אים באַגעגנט ווי אַ נאָענטן קרוב.

מענדעלע האָט געהערט צו „זיי", ד. ה. צו אונדז, די יונגע, אָבער שלום עליכם האָט געהערט צו אַלעמען, אפילו — די אַלטע. אויף מענ־דעלעס בוך האָט מען געקוקט ווי אויף אַ קאָנקורענט פאַרן אַלטן ספר, וועלכן ער האָט זיך באַמיט צו פאַרבייטן מיט זיינע ביכער; אויף שלום עליכמס בוך דאָט מען געקוקט ווי אויף אַ היימישן שמועס מיט אַ נאָ־ענטן מענטשן, ווי אויף שפּאַסן פון אַ „נאָש בראַט".

מיט דעם־אָ אונטערשיידט זיך שלום עליכם פון אַלע אַנדערע יידישע שרייבער: ער האָט געהערט — און ער געהער אויך איצט — אַלעמען, ווייל ער איז בלוט פונם בלוט, און פלייש פונם פלייש פון דער פאָלקס־מאַסע אַלס גאַנצעס.

יעדע ליטעראַטור פאַרמאָגט שרייבער, וועלכע מען קאָן אַנדערש נישט באַצייכענען, ווי „פאָלקסטימלעכע זשעניען". אונדזער ליטעראַ־טור פאַרמאָגט אַזאַ פאָלקסטימלעכן זשעני אין שלום עליכמען.

אַזעלכע זשעניען באַווייזן זיך געוויינלעך אין תקופות, ווען די פעלקער הויבן אָן גייסטיק דערוואַכן פון זייער ווינטער־שלאָף. אינם פעריאָד פון דער דאָזיקער ווינטערדיקער אומפרוכטבאַרקייט זאַמלען זיך אָן אינם פאָלק פאָטענציעלע שעפערישע כוחות, וואָס קאָנען זיך נישט אויסלעבן. און ווען עס קומט די צייט פון דערוואַכונג, שלאָגן אַרויס די דאָזיקע שעפערישע פאָטענצן ווי אַ גייזער. דער פאָלקסטימ־לעכער זשעני — דאָס איז דער מעדיום פאַר די אָנגעקליבענע פאָלקס־כוחות, וואָס רייסן זיך צו באַפרייאונג און גיבן זיך אָפּ דעם ערשטן גליקלעכן פּיאָנער, וואָס שטויסט זיך אָן אויף זיי.

אזא גליקלעכער פאָלקס־זשעני איז געווען שלום עליכם. די גאַנצע רייכקייט פון דער יידישער האַרציקייט, פון יידישן הומאָר, פון דער יידישער העוויה, פון דער יידישער טראַגיקאָמישקייט איז געלעגן ביז שלום עליכמען כמעט ווי אַ קרקע בתולה, וואָס וואַרט אויפן אַקערער.

בלויז מענדעלע האָט זיך צוגערירט צום דאָזיקן ריזיקן פעלד מיט זיין גראָבאייזן און דורכגעלייגט די ערשטע בייטן...

אַזעלכע פאָלקסטימלעכע זשעניען זענען וויניקער אינדיווידועל פאַר אַנדערע שרייבער. אויב מיר זאָלן נעמען, למשל, שעקספּירן און געטען, וועלן מיר תיכף דערזען דעם דאָזיקן אונטערשיד. שעקספּירס ביאָגראַפיע איז וויניק באַקאַנט; פאַראַן ליטעראַטור־פאָרשער, וועלכע האַלטן, אַז דער שעפער פון שעקספּירס דראַמעס איז גאָר נישט שעקספּיר, נאָר בעקאָן, — אָבער דאָס ווירקט לחלוטין נישט אויף אונדזער באַציאונג צו שעקספּירס דראַמאַטישער ירושה: זי איז ווי נישט אינדיווידועל, זי איז לחלוטין נישט פאַרבונדן מיט דער קאָנקרעטער ביאָגראַפיע פון דעם שעפער פון די דאָזיקע דראַמעס. שעקספּירס דראַמעס זענען ווי אַ סטיכיע, וואָס האָט געפונען פאַר זיך אַ מעדיום. צי בעקאָן איז געווען דער דאָזיקער מעדיום, אָדער שעקספּיר, אָדער אַ דריטער — דעם תוך פון דער זאַך ענדערט דאָס נישט.*)

גאַנץ אַנדערש איז געטע. זיין שאַפן איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט זיין ביאָגראַפיע; זיין יעדע שורה איז דורכגעדרונגען מיט דער אינדיווידואַליטעט פונם דיכטער. עס איז שווער פאַרצושטעלן זיך אונדזער מיינונג וועגן זיין שאַפן, ווען מיר וואָלטן נישט געווען וויסן זיין ביאָגראַפיע. שעקספּיר קאָן זיין אַן אומבאַוואוסטזיניקער מעדיום; געטע איז תמיד אַ באַוואוסטזיניקער שעפער.

דער זעלבער אונטערשיד באַשטייט אין אונדזער ליטעראַטור צווישן

---

*) גאַנץ צופעליק, בלעטערנדיק קאָלרידזשעס „ביאָגראַפיאַ ליטעראַריאַ" געפין איך דאָרט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון שעקספּירן און מילטאָנען:

„שעקספּירס פּאָעזיע איז כאַראַקטערלאָז, דאָס הייסט, זי שפּיגלט נישט אָפּ דעם אינדיווידועלן שעקספּיר; אָבער דזשאָן מילטאָנען געפינט איר אין יעדער שורה פון זיין „פאַרלוירענעם גן־עדן".

דאָס איז דער זעלבער געדאַנק, — אויסגעדריקט כמעט מיט די זעלבע ווערטער, — ווי אין מיין כאַראַקטעריסטיק פון שעקספּיר און **געטע**.

פּרצן און שלום עליכמען. פּרצעס פּערזענלעכקייט דרינגט אַדורך זיין גאַנץ שאַפן; עס איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן פּרצעס שאַפן פון זיין פּערזענלעכקייט, — אַפילו אין זיינע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן". אָבער שלום עליכמס פּערזענלעכקייט לאָזט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּטיילן פון זיין שאַפן, וואָס דאָס פֿאָלק נעמט אויף כמעט ווי עפּעס אומפּערזענלעכס, ווי עפּעס פֿאָלקסטימלעכס, ווי אַ נאַטירלעכע טייל פון זיין לעבן. און אין דער דאָזיקער הינזיכט — ווי אַ סך קריטיקער האָבן דאָס שוין באַמערקט — איז שלום עליכם אַ ווייניקער ווי אַ שרייבער, און אַ מער ווי אַ שרייבער. אין גרעסטן טייל פון זיינע בעסערע ווערק האָט שלום עליכם ווי גענומען אַ פאַרטיקן מאַטעריאַל, וואָס דאָס לעבן האָט אויסגעפורעמט. שלום עליכם, דאַכט זיך אונדז, איז בלויז אַ מעדיום פאַר דער פֿאָלקס־סטיכיע, וואָס איז דורך אים געקומען צום אומגעקינסטלטן אויסדרוק.

פּרץ לערנט דעם יידן צו דערקענען זיין פֿאַרשאָטענע נשמה, וועלכע פּרץ האָט אָפּגעגראָבן; ביי שלום עליכמען דערקענט דער ייד תיכּף זיין נאָענטע נשמה און באַגריסט זיך מיט איר מיט אַ פרייידיקן: „שלום עליכם — עליכם שלום".

אַפילו אין מענדעלעס שאַפן, — וואָס שטייט, אין געוויסע הינזיכטן, נאָענט צו שלום עליכמס שאַפן, — נעמט די אויבערהאַנט דאָס ליטעראַריש־אינדיווידועלע סיי אין סטיל, סיי אין דער סאַטירישער באַאַרבעטונג פון זיינע ווערק. דאָס איז כמעט דער זעלבער אונטערשיד, אויף וועלכן קלאַבונד ווייזט טרעפלעך אָן אין זיין „געשיכטע פון דער ליטעראַטור". ווען ער רעדט וועגן צוויי סאַטיריש־הומאָריסטישע ווערק פון דער דייטשער ליטעראַטור פון אָנהויב 16־טן יאָרהונדערט — וועגן „נאַראָנים־שיף" און וועגן „טיל אולענשפּיגעל". קלאַבונד פרעגט: מיט וואָס קאָן מען דערקלערן דעם ריזיקן דערפאָלג פונם „אולענשפּיגעל"? און ער גיט אַ גלענצנדיקן ענטפער: „בראַנטס ‚נאַראָנים־שיף' איז געווען מער אָדער ווייניקער אַ ליטעראַרישע שאַפונג, אָבער אינם ‚אולענשפּיגעל' האָט דאָס פֿאָלק דערזען פּנים אל פּנים זיך גופא און עס האָט געלאַכט פון זיך".

קיין שום זאַך דערנענטערט נישט אַזוי און אַנטוואָפנט נישט אַזוי, ווי דאָס לאַכן פון זיך גופא. שלום עליכם האָט אַוועקגעשטעלט אונדזער פֿאָלק פּנים אל פּנים מיט זיך גופא און אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לאַכן פון זיך. טאָ וואָס־זשע איז דער וואונדער, וואָס דאָס פֿאָלק האָט קיינעם אַזוי נישט ליב געהאַט, ווי שלום עליכמען, און עס האָט זיך

מיט קיינעם נישט געפילט אזוי נאָענט, ווי מיט שלום עליכמען, וואָס איז אינגאַנצן געווען בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש?

אָבער דאָס באַדייט לחלוטין נישט, אַז דער דאָזיקער געלעכטער מוז אומבאַדינגט זיין אַן אויבערפלעכלעכער.

שלום עליכמס איידעם, י. ד. בערקאָוויטש, דערציילט אין דעם „שלום־עליכם־בוך" (דערשינען אין 1926 אונטער זיין רעדאַקציע אין ניו־יאָרק) אַן אויסערסט־כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: אין וואַרשע איז צו שלום עליכמען צוגעקומען אַ ייד און געזאָגט: „וועט מיר זיין דער־לויבט אָפּצוגעבן שלום עליכם צו אונדזער טייערן שלום עליכם?" שלום עליכם האָט אים געגעבן די האַנט. „איך קוק שוין לאַנג אַרויס אויף דעם מאָמענט" — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט און אַ קוש געטאָן שלום עליכמען די האַנט. — „איר זייט דאָך אונדזער טרייסט, איר פאַרזיסט דאָך אונדז די ביטערקייט פונם גלות" . . .

לויטן סטיל איז צו דערקענען, — ווען מיר וואָלטן דאָס נישט גע־וואוסט פון בערקאָוויטשעס באַשרייבונג, — אַז דער דאָזיקער יידישער לייענער האָט געהערט נישט צום נייעם דור, נאָר צום אַלטן. מען דאַרף באַזינען, וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע עס מוז דורכמאַכן אַ ייד, כדי אַ קוש צו טאָן די האַנט ביי אַ צווייטן מענטשן (דערצו נאָך ביי אַ שרייבער פון וועלטלעכע ביכער), כדי צו קאָנען באַגרייפן, וואָס פאַר אַ גרענעצ־לאָזע ליבע שלום עליכם האָט אַרויסגערופן צו זיך ביי די יידישע מאַסן, וואָס ער האָט באַדייט פאַר די דאָזיקע מאַסן.

און חוץ דעם: דער דאָזיקער ייד, וואָס האָט אַ קוש געטאָן די האַנט ביי שלום עליכמען, האָט אַ קוש געטאָן נישט די האַנט, וואָס האָט געשריבן אַנעקדאָטישע דערציילונגען. געוויס, ער האָט אויך די דאָזיקע דערציילונגען געלייענט, און געלאַכט פון זיי ביז טרערן, און נישט איינמאָל. אָבער לויטן סטיל פון זיין ווענדונג צו שלום עליכמען זעט מען, אַז דער דאָזיקער ייד פילט שטאַרק זיין יידישן גלות און ער באַגרייפט טיף, ווי שטאַרק ער נויטיקט זיך אין אַ טרייסט. אַזאַ ייד קאָן זיך לאַכן פון אַ אַנעקדאָטישער דערציילונג, אָבער פאַר אַ טרייסט אין גלות וועט ער זי נישט אָננעמען. אָבער ווי עס שיינט, האָט דער דאָ־זיקער ייד געשפּירט אין שלום עליכמען עפּעס טיפערס: פילנדיק אויף זיינע פלייצעס די טראַגעדיע פון גלות, האָט דער דאָזיקער ייד באַגריפן, אַז שלום עליכם, וועלכער שפּירט אויך די דאָזיקע טראַגעדיע, מילדערט זי דורך זיין הומאָר, ער טראָגט אַליין לייכטער די דאָזיקע לאַסט און מאַכט זי לייכטער אויך פאַר אַנדערע.

שלום עליכם האָט אויסגעלערנט דעם יידישן לייענער אי צו לאַכן

פון זיך, אי, באַגרייפנדיק די אייגענע טראַגעדיע, נישט צו ווערן דער־דריקט דורך איר.

אין דער וואונדערבאַרער דערציילונג „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך" (אגב אורחא, שלום עליכם באַצייכנט די דאָזיקע דערציילונג אַלס „פּאָעמע", און ער האָט רעכט: דאָס איז אַ פּאָעמע פון יידישער הילפלאָזיקייט, און נישט קיין דערציילונג . . .), שילדערט שלום עליכם די אַנוואַקסנדיקע פּאַניק אין אַ יידיש שטעטעלע, וואָס דער־וואַרט דעם לויפנדיקן פּאָגראָם. די שרעק האָט גרויסע אויגן, בפרט די ירושהדיקע פּאַנישע שרעק פונם יידן. איז אָט: אין איין שיינעם טאָג פּאַרלאָזט דאָס גאַנצע שטעטל די שטיבער און די קרעמלעך, דאָס ביסל פּאַרמעגן און דעם איינגעזעסענעם דלות און לאָזט זיך אוועק אין וועג אַריין אויף פורן און צו פוס אין שכנותדיקן שטעטל. און שטעלט זיך פּאַר: אויף דער העלפט וועג באַגעגנט זיך דאָס וואַנדערנדיקע שטעטל מיטן שכנותדיקן שטעטל, וואָס האָט זיך אויך געלאָזט אין וועג אַריין צו אים, אויך אין דער זעלבער פּאַנישער שרעק פאַר אַ פּאָגראָם.

„ערשט אָט דאָ, אַז די צוויי שטעטלעך האָבן זיך צערעדט, זיך רעכט באַטראַכט איינס דאָס אַנדערע און אָנגעקוקט זיך אַקוראַט ווי עס געהער צו זיין, מיט זייטיקע אויגן, האָבן זיי אַרויסגעזען וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן" . .

אָט אין דעם ליגט די עיקר־באַדייטונג פון שלום עליכמען: אַ דאַנק אים זעען די יידן איין, ווי אַזוי זיי זעען אויס, זיי קוקן אויף זיך אַליין אין שפּיגל ווי פון דער זייט, פון אַ געוויסער פּערספּעקטיוו, פון וועלכער מען זעט גוט, — ער האָט זיי אויסגעלערנט קוקן אויף זיך פון דער זייט. קוקן און אָפּשאַצן און — זיך אויסלאַכן.

איבער שלום עליכמס שאַפן הענגט אַ שילד: „דערקען זיך גופא".

* * *

שלום עליכם איז אַ גרויסער הומאָריסט. אָבער וואָס אַזוינס איז הומאָר?

איבער דער דאָזיקער פראַגע האָבן זיך שוין געבראָכן דעם קאָפּ די בעסטע דענקער, פּסיכאָלאָגן, עסטעטן און שרייבער. און אין יעדער טעאָריע, אין יעדער דעפיניציע איז דאָ אַ געוויסע טייל אמת, וואָס שליסט אָבער נישט אויס אַנדערע טיילן פון גאָר אַנדערע אמתן. איך פּרעטענדיר, נאַטירלעך, נישט צו פּראָוואָרפן אַ צוים אויף דער סטיכיע פון הומאָר, אויף דער דאָזיקער מעכטיקער ביאָלאָגישער פונקציע, וואָס איז אייגן בלויז דעם האָמאָ סאַפּיענס, און אַריינפירן אים, מיט דער הילף פון דאָזיקן ציימל, אין דער רייניקער, אָבער שמאָלינקער שטאַל

פון דער זעלבסטצופרידענער מאָנאָגאַמער דעפיניציע. אָבער זאָגן פאַר־בייגייענדיק עטלעכע ווערטער וועגן כאַראַקטער פון הומאָר — איז אומ־באַדינגט נויטיק.

קאָמיזם ווערט געבוירן דאָרט, וואו דער מענטש קוקט אויף דאָס אויסערלעכע מיט אויסערלעכע חושים, ווען דער מענטש נעמט אויף דאָס אַרומיקע מענטשלעכע לעבן אויבערפלעכלעך; טראַגיזם ווערט גע־בוירן דאָרט, וואו דער מענטש נעמט אויף דאָס אַרומיקע מענטשלעכע לעבן טיף, נישט מיט די אויסערלעכע חושים, נאָר מיט אינערלעכער פאַרשטענדעניש; הומאָר ווערט געבוירן דאַן, ווען דעם מענטשן געלינגט דער גרעסטער נס — אויפהויבן זיך העכער פאַר זיין אייגענעם קאָפּ, זען זיין גורל (און בכלל דעם מענטשלעכן גורל) פון אַ זייט, נישט אוי־בערפלעכלעך, נאָר טיף, אָבער דאָך פון אַ זייט, אָדער בעסער נאָך — פון אַ געוויסער הויך. אַ נישט באַגריפענער טראַגיזם קאָן אויסזען קאָ־מיש; קאָמיזם, אין וועלכן מען פאַרקוקט טיפער, קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין טראַגיזם; טראַגיזם, וואָס מען זעט אים פון אַ זייט, מיט אַ בליק וואָס באַגרייפט פון אַ גרויסער הויך, פאַרוואַנדלט זיך אין הומאָר.

ווען מען זעט אַ לויפנדיקן מענטשן, וועלכער פּלאָנטערט זיך אויף יעדן טריט אין אַ לאַנגן כאַלאַט און פאַלט, הויבט מען נישט ווילנדיק אָן צו לאַכן, — דאָס איז קאָמיש; אָבער ווי נאָר איר דערוויסט זיך, אַז דער דאָזיקער מענטש אַנטלויפט פון אַ טויט־געפאַר, און אַז יעדעס מאָל אומפאַלן דערנענטערט אים צום טויט, ווערט דער קאָמיזם פאַר־שוואונדן. וואָס איז געשען? אויבערפלעכלעך איז אַלץ געבליבן ווי פריער, אָבער איר האָט פאַרקוקט טיפער, אונטער דער אויבערפלאַך פון קאָמיזם, איר האָט דערזען די נשמה פון דאָזיקן קאָמישן קערפּער, און דאָס באַזונטע קאָמישע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טראַגישעס. ווען דער דאָזיקער מענטש וואָלט פאַרמאָגט גענוג גייסטיקע קראַפט, כדי גלייכצייטיק אי צו פילן זיין טראַגעדיע, אי צו זען פון אַ זייט דעם קאָמיזם פון זיין אויסערלעכער דערשיינונג, וואָלט אין אים געוועז אויפגעבליצט דער שטראַל פון הימלישן הומאָר.

דעם באַגריף „גאַלגענהומאָר“ („תליה־הומאָר“) קאָן מען פאַר־שטיין ווערטלעך. ווען אַ קינד וואָלט דערזען אַ מענטשן, וואָס הוידעט זיך מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער צונג, וואָלט זיך עס צעלאַכט, ווייל דאָס איז דאָך אַזוי קאָמיש; אַ מענטש, וועלכער ווייסט וואָס דאָ איז געשען, פילט אַ טראַגישן ציטער; אָבער ווען דער געהאָנגענער וואָלט געוועז געקאָנט אַ קוק טאָן אויף זיך פון אַ זייט און, נישט אויפהערנדיק צו פילן זיין טראַגעדיע, וואָלט ער דאָך פאַרמאָגט אין זיך גענוג גייס־

טיקע קראַפּט אַ שמייכל צו טאָן ביים אָנבליק פון אייגענעם אויסערלעך־קאָמישן צושטאַנד, וואָלט ער געווען אַריינגעפאַלן אין צושטאַנד פון העכסטן „גאַלגענהומאָר‟: דער געהאָנגענער וואָלט זיך צעשוואומען אין אַ שמייכל פון „גאַלגענהומאָר‟ ביים זען ז י ך אויף דער תליה.

שלום עליכם האָט געזען דאָס קאָמישע; אָבער זיין בליק איז אַריינגעדרונגען טיפער, און הינטערן פאַסאַד פון דער קאָמעדיע האָט ער קלאָר דערזען די טראַגעדיע פון אונדזער לעבן; אָבער די דאָזיקע טראַגעדיע פון אונדזער און פון זיין לעבן האָט ער באַנומען פון דער הויך פון אַ מאַיעסטעטיש־גייסטיקן גלייכגעוויכט און ער האָט זי גע־טרייסט מיט געטלעכן הומאָר.

צי געדענקט איר די באַגעגעניש צווישן רב טביהן און מנחם מענדלען? (איך נעם דעם ערשטן ביישפּיל, וואָס קומט מיר אויפן גע־דאַנק, ווייל די ווערק פון שלום עליכמען זענען פול מיט זיי). טביה באַגעגנט מנחם מענדלען (אין דער דערציילונג „אַ בוידעם‟), לאָזט זיך באַצויבערן דורך יענעמס טרוימען וועגן גאָלדענע בערג, וואָס די בירזשע זאָגט צו, און גיט אים אָפּ די הונדערט רובל, צונויפגעשפּאָרטע מיט בלוטיקן שווייס, אין דער האָפנונג אויף לייכט באַקומענע מיליאָ־נען. מנחם מענדל ווערט, נאַטירלעך, אַ נעלם, ווי אין וואַסער אַריין. ענדלעך, נאָך לאַנגע זוכענישן, טרעפט אים טביה. נאָך זיין שטאָלצן פלי אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע, איז מנחם מענדל נעבעכדיק און קאָמיש אויפן פאָן פון דער ווירקלעכקייט. אָבער טביה זעט די טראַגישע זייט פון דאָזיקן קאָמיזם (דערויף איז ער דאָך טביה, מיט זיין טיפן געפיל און דורכדרינגענדיקן אינערלעכן בליק). אָבער, נייטראַליזירנדיק דעם קאָמיזם דורך טראַגיזם, נייטראַליזירט ער אויך די שאַרפקייט פונם טראַגיזם דורך זיין שטראַלנדיקן הומאָר, ווייל אויב מנחם מענדלס קאָמישקייט פאַרשטעלט נישט פאַר אים דעם עלעמענט פון טראַגיזם, פאַרשטעלט אָבער נישט דער טראַגיזם פאַר אים אויך דעם עלעמענט פון קאָמיזם.

צוערשט גיסט טביה אויס דעם וואַסער־פאַל פון זיין רעדנער־קראַפט אויפן שלימזלדיקן מנחם מענדל, אָבער ווען ער דערזעט „ווי יענער שטייט אַזוי מיט דעם קאָפּ אַראָפּ, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, דאָס היטל אויף אַ זייט‟, — ווען ער דערזעט דעם דאָזיקן שלימזל און הערט זיינע האַרצרייסנדיקע זיפצן, הויבט זיך טביה אויף אויף זיין הומאָר הויך איבער זיין אייגענעם אומגליק, ווערט פול מיט מיטלייד צום קאָמישן מענטשל, צום שלימזל, און ער טרייסט אים גאָר: **„נישט באַשערט, זאָג איך, טביה זאָל זיין אַ נגיד, ווי זאָגט איוואַן: נע בולאָ** או מעקיטע הראָשע אי נע בודע (נישט געווען ביי מעקיטען קיין געלט

און עס וועט נישט זיין) . . . קום, ברודער, וועלן מיר נעמען, זאָג איך, צו ביסלעך בראָנפן . . . ״

דורך זיין שטראַלנדיקן, טיפן הומאָר האָט שלום עליכם באַשאָנקען דעם היינטצייטיקן יידן מיט דער גרויסער קראַפט פון באַפרייענדיקן, זעלבסטבאַפרייענדיקן געלעכטער, פון אַלוויסנדיקן און אַלץ־פאַרציי־ענדיקן און ריניקנדיקן שמייכל.

דערין ליגט איינער פון די עיקרדיקע אונטערשידן צווישן מענדע־לען און שלום עליכמען: מענדעלע קריטיקירט און לאַכט אָפּ, — שלום עליכם רופט אַרויס אומבאַמערקט זעלבסטקריטיק און אַ געלעכטער איבער זיך גופא. מענדעלע לאָזט אַמאָל ליגן די בייטש פון סאַטירע און נעמט זיך פאַרן פעדאַגאָגישן מיטל פון הומאָר, שלום עליכם אָבער איז כמעט קיינמאָל נישט בייסיק, — ווען ער איז נישט אַנעקדאָטיש־קאָמיש, איז ער שטראַלנדיק־הומאָריסטיש.

סאַטירע ווייזט אָן אויפן זומפּ, אין וועלכן די געשילדערטע גע־שטאַלטן ווימלען, און זי דערשלאָגט זיי מיט דער טרייסטלאָזיקייט פון זייער צושטאַנד; דער הומאָר ווייזט אָן אויפן זעלבן זומפּ, אָבער ער גיט די זומפּ־איינוואוינער קראַפט אויפצוהייבן זיך אויף די פליגלען פון געלעכטער איבער אים, איבער זיך גופא, און ער ברענגט זיי טרייסט טאַקע דורך דער דאָזיקער מעגלעכקייט אַריבערצושפרינגען איבער דעם אייגענעם קאָפּ.

* * *

שלום עליכמען האַלט מען פאַר אַ לייכטן שרייבער. און דאָס איז ריכטיק. אָבער די דאָזיקע לייכטקייט איז נישט קיין פּועל־יוצא פון דעם, וואָס ער איז נישט פּלוואָגיק; ער איז לייכט דערפאַר, ווייל ער פאַרמאָגט מעכטיקע פליגל און ער שוועבט לייכט און גראַציעז, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין זיינע בעסטע ווערק איז ער פּלוואָגיק און טיף.

אין דער אויבנדערמאָנטער פּאָעמע־דערציילונג „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך״, וואָס אויפן ערשטן בליק איז זי אַזוי לייכט, באַקומט אַן אויסדרוק — אין אַ גראַציעזער הומאָריסטישער פאָרם — די טאָפּלטע יידישע טראַגעדיע, — די טראַגעדיע פון אונדזער לעבן און די טראַגעדיע פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען אונדזערע מיט דער גרויסער וועלט.

„כסרילעווקע, דאַרפט איר וויסן, ווי קליין און אָרעם און עלנט און פאַרוואָרפן דאָס זאָל נישט זיין, איז דאָך געבונדן מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט, ווי מיט אַ מין דראָט אַזעלכן, וואָס אַז מען גיט אַ קלאַפּ אין איין עק, גיט זיך עס אָפּ באַלד אין אַנדערן עק! . . . אַ

חידוש איז מיר נאָר אויף איין זאַך: פאַרוואָס פילט כסרילעווקע אַלע־מענס צרות מיט אַלעמענס ווייטאָגן פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער, קיינער פילט נישט דעם ווייטאָג פון כסרילעווקע; קיינער, קיינער אינ־טערעסירט זיך נישט מיט די כסרילעווקער? דאָס כסרילעווקע איז עפּעס אַ מין שטיף־קינד ביי דער וועלט, וואָס ביי איין אומגליק, חלילה, ביי אַ חולה מסוכן אין שטוב דערפילט עס פריער פון אַלעמען, ווערט אויס־געריסן מער פון אַלעמען, טאַנצט אַרום, שלאָפט נישט קיין נעכט, קריכט אין דער ערד אַריין, שונאי ציון! און זאָל דאָס שטיף־קינד פאַלן פון די פיס און אַליין קראַנק ווערן, מעג זיך עס ליגן, נישקשה, אַליין ערגעץ אין דער קרענק, אין אַ ווינקעלע, גליען ווי אַן אויוון, אויסגיין פון הונגער, חלשן אַ טרונק וואַסער — קיינער, זייט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט אַרומקוקן . . .״

סאַראַ משא עס ליגט אין און צווישן די דאָזיקע לייכטע, טרעפ־לעכע ווערטער, וואָס זענען פול מיט טיפסטן זין און טיפסטן אמת (ווער קאָן דאָס נאָך פילן אַזוי ווי מיר, דער חורבן־דור!). און דאָס אַלץ ווערט דערגרייכט מיט אַזעלכע פּרימיטיווע מיטלען, אויף אַזאַ לייכטן אופן!

צו שלום עליכמס טיפסטע דערציילונגען געהער אויך די דער־ציילונג „דרייפוס אין כסרילעווקע״.

אַ חוץ דעם, וואָס דאָס איז אַ טיף־יידישע דערציילונג לויט דעם טרעפלעכן שילדערן די יידישע תנועות און לויט דעם טרעפלעכן איבער־געבן די יידישלעכע רעדנסאַרטן, איז זי אויך עכט־יידיש לויט דער טיפקייט פונם אַריינדרינגען אין דער יידישער פּסיכיק, אין איינעם פון די ספּעציפישע שטריכן פון דער יידישער פּסיכיק — אינם ליידנ־שאַפטלעכן גלויבן אינם טריאומף פונם אמת, אין דער יידישער אייגנ־שאַפט פון באַציען זיך צום אמת, ווי צו דער העכסטער גאָטהייט.

צוערשט, ווען עס דערגייט צו די כסרילעווקער יידן די ידיעה וועגן דרייפוסן דורך דעם איינציקן צייטונג־אַבאָנענט אין כסרילעווקע, זיידל (ער, זיידל, „לייענט זיי און זיי פאַרטייטשט; ער דערציילט, און זיי לערנען דעם פּשט; ער זאָגט וואָס עס שטייט, און זיי דרינגען אָפּט פאַרקערט, וואָרום ז י י פאַרשטייען בעסער״. צי דען איז מעגלעך בעסער און קירצער כאַראַקטעריזירן דעם יידישן צוהערער און לייענער?), האָבן די כסרילעווקער קיין רחמנות נישט אויף אים, — פאַרקערט, זאָל ער נישט קריכן צו הויך. רעכט אויף אים! ווען עס דערגייט צו זיי די ידיעה, אַז ער איז אַ קרבן פון אומרעכט, הויבן זיי שוין אָן זיך אויפ־צורעגן; אָבער ווען דער ענין דרייפוס דערגייט ווידער צום געריכט און דרייפוס ווערט ווידער פאַרמשפּט, איז כסרילעווקע אויסער זיך. —

עס ברעכט דאָרט אויס אַ שטורעם. „סע קאָן נישט זיין! ... סע קאָן נישט זיין אויף דער וועלט אַזאַ משפּט!"

„בהמות! — שרייט נעבעך זיידל — נאָט זעט וואָס סע שטייט אין בלאַט".

„בלאַט־שמאַט! — שרייט כסרילעווקע. (זי וויים דאָך בעסער — י. ר.) און אַז דו וועסט זיך שטעלן אָט דאָ מיט איין פוס אויפן הימל און מיט דעם אַנדערן אויף דער ערד, וועלן מיר דיר גלויבן? ס'איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זיין! עס קאָן נישט זיין! ... עס קאָן נישט זיין! ..."

נישט געקוקט אויף דער דערפאַרונג פון לאַנגע יאָרהונדערטער, וואָס איבערצייגט, אַז דאָס קאָן יאָ זיין, פאַרבלייבט כסרילעווקע ביי איר אָפּטימיזם, ווי נאָר עס דערגייט צו גערעכטיקייט.

און שלום עליכם פאַרענדיקט לאַקאָניש זיין מייסטערהאַפט־פּשוטע דערציילונג — וואָס דערהויבט זיך אין איר פּשטות צו רעאַליסטישער סימבאָליק, — מיט אַן ענטפער אויף די געשרייען פון די כסרילעווקער יידן: „עס קאָן נישט זיין".

„אַ סימן, ווער איז געווען גערעכט?"

סוף כל סוף — די יידן ...

וואָס שייך רעאַלער סימבאָליק, וואָס קומט צום וואָרט ווי דרך־אגב, האָט שלום עליכם קיין גלייכן נישט אין דער יידישער ליטעראַטור. אין זיין אויבנדערמאָנטער פּאָעמע „די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך", וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ מין קאָנדענסירטע ענציקלאָפּעדיע פון כסרילעווקע אין איר פיזישער און גייסטיקער אויסמעסטונגען, באַשרייבט שלום עליכם אויפן פּאָלגנדיקן אופן דעם כסרילעווקער בית־עולם:

„...אַ סך מצבות זענען שוין לאַנג צעפאַלן, און אַ סך קברים זענען שוין לאַנג פאַרוואַקסן מיט גראָז, און ציגן, די כסרילעווקער ציגן, וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן, שפּרינגען אַריבער דעם שוין לאַנג איינגעפאַלענעם פּאַרקאַן און פּאַשען זיך אויף דעם דאַזיקן גראָז, און ברענגען אַהיים פולע אייטערס מיט מילך, און די אָרעמע יידישע קינדער אין כסרילעווקע האָבן וואָס צו עסן, פון וואָס צו ציען כוח ... ווער ווייסט, ווי נאָענט עס זענען געבונדן צווישן זיך די דריי מינים: דאָס אַלטע כסרילעווקער בית־הקברות, די דאָזיקע ציגן, וואָס פּאַשען זיך דאָ, און טאַקע זיי אַליין, במחילת כבודם, איך מיין די כסרילעווקער יידן?..."

כסרילעווקע ציט אירע לעבנס־זאַפטן — אַפילו די קערפּערלעכע — פון איר בית־הקברות. און דאָס אַלץ ווערט אונדז סוגערירט דורך אַ

לייכטן, אַ טעכניש־אָרעמען, אָבער גלייכצייטיק גראַנדיעזן בילד. די כסרילעקעס, וואָס זיינען געשטאָרבן פון הונגער, דערנערן מיט זייערע קערפּערס דאָס גראָז, מיט וועלכן עס דערנערן זיך די הונגעריקע כסרי־לעווקער קאָזעס, וואָס פון זייער זייט דערנערן זיי מיט זייער מילך די הונגעריקע כסרילעווקער קינדער.

איז דאָס דען נישט אַ גראַנדיעזער פאַנטעאיסטישער קרייז־לויף, אַ טראַגישער, אָבער געהאַלטן אין שטילע טענער פון הומאָר?

נישט אומזיסט איז דער בית־הקברות אַן אמתער אוצר פאַרן ייד, — נישט נאָר אין פיזישן זין און נישט נאָר אין גייסטיקן — אין אַלע הינזיכטן.

אין זיין אַריינפיר צום בוך וועגן „אַלט־ און ניי־כסרילעווקע", — אַן אַריינפיר, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די שטאָט פון די קליינע מענ־טשעלעך", געפינט שלום עליכם פאָלגנדיקע ווערטער פאַר דער יראת־הכבודיקער ליבע פון די כסרילעקעס צו זייער בית־הקברות: „איבער־הויפּט נעמען זיך איבער די כסרילעווקער קליינע מענטשעלעך מיטן אַלטן בית־עולם. דאָס אַלטע בית־עולם זייערס, כאָטש ס'איז שוין פאַרוואָקסן מיט גראָז און מיט בוימלעך און כמעט אָן איין גאַנצע מצבה, האַלטן זיי דאָס פונדעסטוועגן פאַר אַ צירונג, אַ שיינדעלע, אַ רייכטום, און היטן דאָס אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. וואָרום אַ חוץ וואָס דאָרטן ליגן זייערע אבות־אבותיהם, רבנים, צדיקים, לומדים, מפורסמים, גרויסע לייט, — איז אַ סברה, אַז דאָרט געפינען זיך אַ היפּש ביסל קדושים נאָך פון דער הייַדאַמאַטשינע, פון כמעלניצקים צייטן . . . אָט דאָס „הייליקע אָרט" — דאָס איז זייער איינציק שטיקל אייגנס אויף דער וועלט, וואו זיי זענען די איינציקע בעלי־בתים, זייער איינציק שטיקל ערד, זייער איינציק שטיקל פעלד, וואו עס שפּראָצט אַ גרעזל, און עס וואַקסט אַ בוימל און די לופט איז פריש און עס אָטעמט זיך פריי . . ."

„גייט זיך דורך צו זיי ,אויפן פעלד' . . . , און אויב איר זייט אַ מענטש פון התפעלות און באַגייסטערונג, וועט איר, באַטראַכטנדיק די דאָזיקע אָרעמע שטאָט מיט אירע רייכע בית־עולמס, זיך נישט קאָנען איינהאַלטן און איבערחזרן דעם אַלטן פּסוק: מה טובו — ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב! דיינע רוהע ערטער, ישראל!" . . .

סאַראַ טיפע, צאַרטע, עלעגישע איראָניע! ווי לייכט און גראַציעז שלום עליכם פליט אַריבער איבער די טראַגישסטע אָפּגרונטן, נישט אַריינפאַלנדיק אין זייערע שוואַרצע פּיסקעס, אָבער דאָך איבערלעבנדיק זיי אין זייער גאַנצער טיפקייט.

עס וואָלטן זיך געוועז געלאָזט אומאויפהערלעך מערן די ביישפּילן. וואו שלום עליכם, דער דאָזיקער פלאַטערנדיקער הומאָריסט, איז טיף און אַזוי דורכזיכטיק אין זיין טיפקייט, אַז ער איז, דאַכט זיך, אַזוי נאָענט, כמעט איבערפלעכלעך.

ווען אַ וואַסער איז זייער טיף און דורכזיכטיק, ווען דער הימל איז טיף און דורכזיכטיק־בלוי, זעען זיי אונדז אויס נאָענט און פלאַך... מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צום דעק... צו דער הויך...

די לעצטע קלאָרע טיפקייט איז נאָענט. נישט אומזיסט איז שלום עליכם אונדז נאָענט, ווי אַ „נאַש־בראַט".

אַן אַלטע פּריווילעגיע פון אַלע גרויסע הומאָריסטן.

* * *

מען וואָלט אָבער באַגאַנגען אַן אומרעכט לגבי שלום עליכמען, ווען מען וואָלט געמיינט, אַז ער פאַרקוקט טיף בלויז אין יידישן לעבן און אין יידישן גורל, — ער פאַרקוקט טיף אינם כאַראַקטער פונם מענטשן בכלל. אין דער דערציילונג „נישט פאַר קיין יידן געדאַכט" שטאַרבט אַן אַלטער פּראָצענטניק, וועמען דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט צאָלן יעדע וואָך פּראָצענט מיט דער רעגלמעסיקייט פון אַ נאַטור־געזעץ. זיין איידעם, זיידל (וואַרשיינלעך דער זעלבער, וואָס אָבאָנירט אין „דרייפוס אין כסרילעווקע" די העברעאישע צייטונג „הצפירה"), רופט צונויף זיין שווערס אַלע בעלי־חובות און ער דערקלערט זיי, אַז ער קערט זיי אום די הלוואה־קוויטלעך, ווייל „לויט אַלגעברע" קומט שוין נישט פון זיי קיין געלט. די יידן זענען אויסער זיך: „וואָס הייסט, עס קומט ביי אונדז קיין געלט נישט? וואָס הייסט מיר זיינען ריין?"

זיידל דערקלערט זיי, אַז מיט פּראָצענט און מיט פּראָצענט אויף פּראָצענט האָבן זיי שוין זיבעצן מאָל אָפּגעצאָלט זייערע חובות, נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער.

די יידן זענען אויפגעקאָכט געוואָרן: דאָ ליגט עפּעס אַ מיין! „ער וויל אונדז קוילען! קוילען אָן אַ מעסער! רב שעיה, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט מיט אונדז געהאַנדלט אַזויפיל יאָרן; זיין קעשענע איז פאַר אונדז תמיד געווען אָפן; קומט ער צו גיין איצט און וויל אונדז שטעלן אין דער בלאָטע!"

„נאַראָנים! — שרייט צו זיי זיידל — וואָס פאַרא נאַראָנים, בהמות איר זייט! מען זאָגט אייך, אַז איר זייט ריין, נישט פונם קאָפּ זאָגט מען אייך, „על פּי אַלגעברע"!

„וואָס דערציילט ער אונדז פּזמונות: אַלגעבּרע! לאָמיר זיך פאַר־לאָזן אויף מענטשן, לאָמיר פרעגן אַ רב".

„צום רב! צום רב!”

„מע זאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט צווישן זיך אַ לאַנגן וויכוח. זיידל האָט אים אויפגעוויזן, אַז מע טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט, וואָרום על פּי חקירה איז פּראָצענט גזילה; אַ מענטש, וואָס לעבט פון פּראָצענט, זאָגט ער, איז ערגער פון ערגער. עס קומט אויס, זאָגט ער, אַז אַלע דאַרפן האָרעווען. וואָר־זשע איז יושר?”

„ר׳ יוזיפיל, דער רב, האָט זיך אפילו געפּרואווט אים איבערשפּאַרן מיט ,תקון מה”רם ז”ל׳, מיט ,ישוב העולם׳, אָן דעם וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט האָבן ... האָט אים דערויף זיידל אָפּגעענטפערט, אַז נאָך זיין שכל נאָך קומט אויס, אַז דער ,קיום׳ איז גאָר קיין קיום נישט ...”

„וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט, — פרעגט ערביים רב יוזיפיל דעם רב, — אַז אויסכאַפּן אַ בייגל פאַר אַ גראָשן, בשעת איך בין הונגעריק, הייסט געגזלט, און אָפּראַבעווען אַ שטאָט מיט אלמנות, מיט יתומים, צונעמען ביי זיי דעם לעצטן ביסן, הייסט דאָס ,ישוב העולם, אָן דעם וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט האָבן׳ ...”

און היות זיידל לייענט דאָך אַ טעגלעכע צייטונג, בלייבט ער נישט ביי ביישפּילן נאָר פון כסרילעווקע, — ער ברענגט ראיות פון דער ברייטער וועלט ...

„ס׳איז אַ יושר? — מאַכט ער צום רב יוזיפיל, דעם רב, און נעמט אים אָן ביי דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע. — ס׳איז אַ יושר? אָט פאָרט אַרום דער אַלטער קריגער נעבעך. דער מלכות פון די בויערן, קלאַפּט אין אַלע טירן, בעט רחמים, מען זאָל רחמנות האָבן אויף זיין אָרעם לאַנד; ער וויל נישט מער נאָר אַ דין־תורה, ער וויל זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן, וואָס מענטשן וועלן פּסקענען. זאָגט דער: ער וויל זיך נישט מישן, און דער זאָגט: סע פּאַסט אים נישט פאַר יענעם ... דערווייל גיסט זיך בלוט. וואו איז יושר, פרעג איך אייך, וואו איז מענטשלעכקייט? און איר זאָגט מיר גאָר ,ישוב׳, ,מנהג העולם׳, דער קיום פון דער וועלט ... אַ שיינער קיום, אַ שיינע וועלט ...”

און דער סוף? דער רב דערשרעקט זיך אַזש פאַר אַזעלכע שאלות און שיקט זיידלען אָפּ אַהיים און זאָגט דעם עולם, אַז דער דאָזיקער זיידל איז אַ וואוילער מענטש, אַ דעליקאַטער, אַן ערלעכער, נאָר ... און דער רב ווייזט מיטן פינגער אויפן שטערן.

און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט זיידלען איז געשען אַן אומגליק.

נישט שוין־זשע איז אַזוי בלויז אין כסרילעווקע? צי דען זענען

נאָר די כסריליקעס גרייט צו צאָלן אַ לעבן לאַנג אַ פּראַצענטניק. פּראַצענטער און פּראַצענטער אויף פּראַצענטער אָן שום טענה ומענה. אָבער ביים ערשטן פּרואוו איבערצוריסן זייער נאָרמאַלן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלטן לעבנסגאַנג, זענען זיי גרייט צו צעבונ־טעווען זיך קעגן אַלע מינים זיידלס? צי דען שמט אזא זיידל אַלס משוגענער נאָר אין כסרילעווקע?

אין דער דאָזיקער דערציילונג, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע, פאַר־ברייטערט כסרילעווקע אירע גרענעצן ביז אוניווערסאַלקייט, און זיידל ווערט נישט נאָר אַ כסרילעווקער סימבאָל . . .

* * *

עמיץ האָט געזאָגט, אַז חכמים און קינדער ווייסן דעם אמת. און היות ווי גרויסע הומאָריסטן זענען חכמים, איז זיי נאָענט די וועלט פונעם קינד. דיקענס איז געווען דער פּאָעט פון קינדער, מאַרק טוועין האָט באַזונגען די קינדערשע וועלט, און שלום עליכם האָט אַנטפּלעקט דאָס יידישע קינד.

מענדעלע האָט געזאָגט, אַז עס זענען נישטאָ קיין יידישע קינדער, — עס זענען דאָ נאָר קליינינקע יידעלעך. ער האָט געשילדערט די דאָזיקע קליינע יידעלעך אָן אַ קינדהייט און אָן קינדישע פרייד — די דאָזיקע קליינינקע יידעלעך, וואָס שיידן זיך אונטער פון די גרויסע בלויז דורך די יאָרן און מיט דעם, וואָס זיי האָבן נישט קיין בערד, קיין ווייבער און קיין קינדער.

קינדער זענען דער גרויסער גליק־שאַנס פון יעדן פאָלק, פון דער מענטשהייט בכלל. דער נייער, יונגער דור קאָן אַ קער טאָן דאָס לעבן אין אַן אַנדער ריכטונג, אָנהויבן אַ נייעם „בראשית״. און שלום עליכם האָט אַנטדעקט דעם גרויסן שאַנס אויך פון יידישן פאָלק — די קינדער. שטעלט זיך אַרויס, אַז מיר פאַרמאָגן נישט נאָר קליינע יידעלעך אָן בערד, נאָר עכטע קינדער, מיט אַן עכטער פריידיקער קינדהייט און פריידיקע קינדערשע יום־טובים. אויב שלום אַש האָט אַנטדעקט, אַז אַ חוץ אַ „בית־המדרש־געסל״ פאַרמאָגט אונדזער לעבן אויך אַ „קוילער־געסל״, אַז אַ חוץ גייסט, פאַרמאָגן מיר נאָך אויך אַ גוף, — האָט שלום עליכם אַנטדעקט, אַז אונדזער כסרילעווקע פאַר־מאָגט אויך אַ „קינדער־געסל״, אַז אויך מיר האָבן אַ גליק־שאַנס, — צוגלייך מיט אַלע פעלקער אויף דער וועלט, — אָנצוהויבן פונסניי מיט באַנייטע כוחות, מיט אַ נישט אויסגעשעפּטן קוואַל פון פרייד.

וואָס פאַרא געזונטע, אוממיטלבאַרע לעבנס־פרייד עס שלאָגט פון

די דאָזיקע קליינע עכט־קינדערישע העלדן פון שלום עליכמס צאָלרייכע יום־טוב־דערציילונגען! און נישט נאָר אין די יום־טובים, — צי דען לעבט נישט מאָטל פּייסי דעם חזנס, דער יתום, מיט א פול, פילפאר־ביק קינדעריש לעבן אפילו אין די וואָכן־טעג, אין זיין אויסערסטער מאַטעריעלער נויט?

שטעלט זיך אַרויס, אַז מענדעלע, דער דאָזיקער סקולפּטאָר פון וואָרט, האָט געזען בלויז די קינדערשע פּאָותלעך, יאַרמולקעס, קאַפּאָט־קעלעך, דאָס גיין אין חדר און אין שול, דאָס אויספירן אַלע תרי״ג מצוות, בעת שלום עליכם האָט אַריינגעקוקט אין די קינדישע אויגן וואָס אונטער דער יאַרמולקע, אין די קינדישע הערצער אונטער דער קאַ־פּאָטקעלע, און האָט דאָרט דערזען אַ גאַנצע וועלט, וואָס איז נישט צוטריטלעך פאַר די אַלטע יידן, אפילו אַזעלכע, ווי מענדעלע מוכר ספרים.

און נישט נאָר אין די אויגן און אין די הערצער פון די קינדער האָט שלום עליכם פּאַרקוקט מיט זיין דורכדרינגנדיקן בליק, — ער האָט זיך אויך נישט געפוילט נאָכצוגיין די קינדער אין פעלד אַריין, זיך דורכצולויפן מיט זיי איבער דער גאַס, אַ שפּיל טאָן צוזאַמען מיט זיי מיט אַ יונג קעלבעלע, מיט אַ הינטעלע...

פרץ האָט אַנטדעקט פרייד, שיינקייט און לעבנספולקייט ביי מענדעלעס דערוואַקסענע יידן; שלום עליכם — ביי מענדעלעס קליינע יידעלעך.

* * *

אָבער מאָטל פּייסי דעם חזנס איז נישט סתם איינער פון יענע קינדער, וואָס שלום עליכם האָט זיי אַזוי ליב געהאַט. ער איז עפּעס מער ווי סתם אַ קינד.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז „וואָס שייך רעאַלער סימבאָליק, וואָס קומט צום וואָרט ווי דרך אגב, האָט שלום עליכם קיין גלייכן נישט אין דער יידישער ליטעראַטור“. און אויב דאָס איז גילטיק פאַר די געשטאַלטן פון מנחם מענדלען און טביהן, איז דאָס אויך גילטיק פאַר דער רעאַלער געשטאַלט פון זיין מאָטל פּייסי דעם חזנס: ער איז אַ פּולבלוטיקער, רעאַלער סימבאָל פון דער לעבנס־לוסט און פון דער לעבנס־פעאיקייט פון יידישן פאָלק, וואָס האָט נישט פאַרלוירן, — נישט געקוקט אויף אַלע שווערע פּרוואוואונגען פון זיין גורל, — יענע פרישקייט פונם געפיל, וואָס איז אַן ערבות פאַר אויפלעבונג.

אינם יידישן מאָטל איז די ערבות פון אונדזער לעבנס־פעאיקייט.

מאָטל פּייסי דעם חזנס איז אפשר שלום עליכמס ליבסטער

העלד. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז דער קליינער מאָטל איז דער גרויסער שלום עליכם גופא.

הונדערטער באַפליגלטע שלום־עליכם־ווערטלעך זענען געוואָרן שפּריכווערטער. אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישסטע שפּריכוואָרט פאַר שלום עליכמס לעבנס־געפיל און פאַר זיין שאַפן איז דאָס באַפליגלטע ווערטל פון מאָטל פייסי דעם חזנס: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום". גיט צו צום דאָזיקן אומשולדיקן קינדישן אויסברוך פון הומאָר און אומפאַרטיליקבאַרער לעבנס־פרייד פון אַ קינד דעם באַוואוסטזיין פון אַ דערוואַקסענעם הומאָריסט — און איר האָט פאַר זיך די גאַנצע אייגנאַרטיקייט פון שלום עליכמס הומאָר. מאָטל זויגט אַרויס אומבאַוואוסטזיניק די לעבנס־פריידיקע זאַפטן פון זיין יתומדיקייט; שלום עליכם זעט די יתומדיקייט פון יידישן לעבן, אָבער ער שוועבט באַוואוסטזיניק איבער אונדזער יתומדיקן צושטאַנד אויף די מעכטיקע פליגלען פון זיין הומאָר. ער פאַרוואַנדלט אונדז אין מאָטלעך, ער טראָגט אונדז אַריבער איבערן תהום פון אונדזער לעבן אינם גן־עדן פון קינדישער זאָרגלאָזיקייט. סאַראַ פאַרגעניגן! סאַראַ געטלעכער זיס־ביטערער געשמאַק!

איך געדענק: אין דער פריער קינדהייט, ביים לייענען גאָגאָלן, מאַרק טווענען און דיקענסן, פלעג איך רעדן מיטן לערער וועגן דעם, אַז כ'וויל שרייבן אַן „אויפזאַץ" וועגן די מערקווירדיקע אונטערשידן צווישן די דאָזיקע דריי הומאָריסטן. אין וואָס די דאָזיקע אונטערשידן באַשטייען איז מיר דאַן שווער געווען צו זאָגן (און אויך היינט וואָלט מיר דאָס געווען גאַנץ שווער), — ליגט דאָך דער דאָזיקער אונטערשיד אין דער אַנדערשדיקייט נישט נאָר פון די דאָזיקע דריי מענטשן, נאָר אויך פון דריי פעלקער, פון זייערע כאַראַקטערן, פון זייערע גורלות, פון זייערע געשיכטלעכע דערפאַרונגען און היינטיקע באַדינגונגען. און אָט־אָ־די דאָזיקע אַנונג, אַז אין די דריי שרייבער, וואָס לאַכן און מאַכן לאַכן, שפּיגלען זיך אָפּ דריי פאַרשידענע וועלטן, איז געלעגן דער צויבער פונם פאַרגלייך, וועלכער האָט געשוועבט פאַר מיר און מיך גערייצט. אָבער ערשט דאַן, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט שלום עליכמען, איז מיר קלאָר געוואָרן, אויף ווי ווייט איין הומאָריסט קאָן זיין נישט ענלעך אויפן צווייטן. ביי קיין שום הומאָריסט אויף דער וועלט קאָן מען נישט שפּירן אַזאַ געשמאַק, ווי ביי שלום עליכמען. און עס איז פאַרשטענדלעך: צי דען איז דאָ נאָך אַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס וואָלט געקאָנט שעפּן זעלבסט־אָפּלאַכנדיקע פרייד אינם ווערטל: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום"!?

וואָס טוט שלום עליכם מיט זיין מאָטל דעם יתום? ער טיילט

אים אײַן די גאַנצע אָרעמקייט און די גאַנצע פּיין פון אַ כּסרילעווקער פאַמיליע, צווינגט אים צו פאַרנעמען זיך מיט אַלע מנחם־מענדלשע פּראָפעסיעס פון כּסרילעווקע (מנחם מענדל איז געווען אַ מנחם־מענדל אויך אין כּסרילעווקע, הגם ערשט אין יהופּעץ האָט ער פאַנאַנדערגעבומען זײַנע אַדלערשע פליגלען אין דער פאַנטאַזיע און זײַנע הינערשע — אין דער ווירקלעכקייט): ער פאַרקויפט קוואַס מיט זיין־וואַסער; ער נעמט אָנטייל אין פאַרפלייצן כּסרילעווקע מיט טינט, און גאַנץ כּסרילעווקע, צוזאַמען מיט די קאָזעס, ווערט שוואַרץ, אַפילו דאָס טײַבל האָט זיך איבערגעפאַרבט אויף שוואַרץ; ער פאַרקויפט אַ פּראָשעק קעגן מייז און גאַנץ כּסרילעווקע ניסט. דערנאָך נעמט שלום עליכם מאָטעלען און פירט אים מיטן וועג פון דער יידישער פיל־געפיניקטער עמיגראַציע דורך גאַנץ אייראָפּע קיין אַמעריקע, און ווייזט אונדז — מיט מאָטעלעס אויגן — די „גאָלדענע בערג" פון אַמעריקע.

ווי מיר זעען, טוט מאָטעלע דאָס, וואָס שלום עליכם אַליין האָט געטאָן: ער גיט אין קווערשניט דאָס יידישע לעבן פון דער הויך פון אַ הומאָריסטישן לעבנס־געפיל. מאָטעלע פאַרוואַנדלט דאָס יידישע לעבן אין אַ אייביקן יום־טוב פון פרייד, הגם ער פאַרבט נישט צו דאָס דראַזיקע לעבן: ער גיט עס מיט אַלע זײַנע טראַגעדיעס און טראַגי־קאָמעדיעס, אָבער אין דער אַטמאָספער פון הומאָר פאַרלירט עס זײַן דריקנדיקע שווערקייט און ווערט לייכט. דאָס זעלבע האָט אָבער געטאָן אויך שלום עליכם, אָבער ער איז נישט געבליבן צופרידן מיט זיך: דורך זײַן שמייכל גלאַנצן אַרוים טרערן — פּאָרט אַ דערוואַקסענער כּסריליק. און דעריבער האָט דער דאָזיקער מייסטערהאַפטער דערציילער פאַר קינדער (וועלכער האָט געגעבן אונדזערע קינדער כּמעט די איינציקע עכטע ליטעראַטור פאַר קינדער) זיך פאַרקערפּערט אין אַ קינד, אין מאָטעלע דעם יתום, כּדי צו באַשרײַבן אונדזער לעבן, ווי עס ווערט אויפגענומען דורך ליכטיקע אויגן פון אַ קינד. אָבער היות שלום עליכם באַמיט זיך צו זען דאָס יידישע לעבן מיט די אויגן פון מאָטעלען, טרעפט אַמאָל אויך, אַז מאָטעלע זעט דאָס יידישע לעבן מיט די אויגן פון שלום עליכמען: שלום עליכם איז געוואָרן דאָס קינד מאָטעלע, אָבער מאָטעלע ווערט צײַטנווײַז דער דערוואַקסענער שלום עליכם.

אַ דרייסטער אײַנפאַל! אונדזער לעבן — מיט די ליכטיקע אויגן פון אַ קינד! אָבער — אָ, וואונדער איבער וואונדער! — דאָס איז אים געלונגען. דאַכט זיך, אַז דאָס איז אונדזער לעבן, מיטן אַקוראַט, אָבער דאָך — אינגאַנצן אַן אַנדערש, אַן אומאויפהערלעכער פרייִלעכער

יום־טוב, וואָס אפילו די אָרעמע יתומדיקייט קאָן עס נישט צעשטערן: „מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!"

* * *

פונם מענטשלעכן קינד ביזן קינדישן מענטשן איז בלויז איין טריט, און שלום עליכם האָט געמאַכט דעם דאָזיקן טריט צו — טביה דעם מילכיקן.

ביי שלום עליכמען זענען דאָ צוויי קאַפּיטאַלע טיפּן — מנחם מענדל און טביה דער מילכיקער. מנחם מענדל איז שוין געוואָרן אַ שם גרדף — דאָס יידישע פאָלק האָט אין אים דערקענט זיין אייגענע אָפּ־שפּיגלונג, דעם קעניג פון כתרילעווקע.

טביה אָבער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז על פּי רוב אַ טיפּישער ייד, אַ קאָלעקטיווער טיפּ, וואַקסט אָפּט אויס צו אַ אינדיווי־דועלער פּערזענלעכקייט. גאַנץ כתרילעווקע איז איין גרויסער מנחם מענדל, אָבער אין גאַנץ כתרילעווקע קאָן מען אָפּט געפינען בלויז איין גרויסן טביה.

און ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז מנחם מענדל, ווי מיר דערווייסן זיך פון דער צווייטער טביה־דערציילונג, איז טביהס אַ קרוב. און נישט נאָר אַ קרוב לויטן בלוט, נאָר אויך לויטן גייסט. ווי מען קאָן דאָס זען טאַקע פון דער זעלבער צווייטער טביה־דערציילונג (אָבער נישט נאָר פון איר), וואָס טראָגט אַן עכט מנחם־מענדלשן נאָמען „אַ בוידעם". דער דאָזיקער „בוידעם" געהער אויך טביהן, מנחם מענדלס שותף צום „גאָלדענעם געשעפט". טביה לאָזט זיך איינרעדן, ווערט אַ שותף צו מנחם־מענדלס בירזשע־אָפּעראַציעס, אָבער ער הערט זיך צו נישט נאָר צו זיין קרוב, נאָר אויך צו דער שטים פון זיין אייגענעם האַרצן, וואָס רופט צו „גאָלדענע בערג", וואָס טרייבט אים צו מנחם מענדלשע חלומות. און דאָס איז קאָנטיק אויפן משך פון גאַנצן טביה־בוך.

אָבער דער אונטערשיד צווישן מנחם מענדלען און טביהן באַ־שטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס טביה באַגרייפט תיכף ומיד, אַז ער האָט זיך באַנאַרישט, אַז ער איז אַן איזיל, נאָר אויך אין דעם, וואָס אין אים זיצט בלויז אַ טייל פון מנחם מענדלען, און אַראָפּפאַלנדיק פון זיין מנחם־מענדלשן פלי, געפינט ער תיכף אַ פעסטן באָדן אונטער זיינע שטאַרקע פיס: דעם באָדן פון אַן ערלעכן כאַראַקטער און פון אַ פּקחותדיקן האַרעפּאַשניק.

מנחם מענדל איז אַן הויקער, וואָס נאָר דער קבר וועט אים אויסבעסערן; טביה קאָן בלאָנדזשען, אָבער ער וועט תמיד גלייך צוריק געפינען דעם ריכטיקן וועג. ניין, נישט אומזיסט איז טביה מנחם

מענדלס אַ קרוב, — ער איז ווי די צווייטע זייט — די האָפנונג־זייט — פון אונדזער קאָלעקטיוון מנחם מענדל.

מנחם מענדל איז אַ קאָמישע פּערזאָן, וואָס רופט אַרויס ביי אונדז געלעכטער מיט זיין אומגעלומפּערטקייט; טביה אָבער איז אַ מענטש מיט אַ אַנטוויקלטן חוש פאַר הומאָר, אַ מענטש, וועלכער איז פעאיק צו באַמערקן אונטער מנחם מענדלס קאָמיזם זיין טראַגיזם און זיך דערהויבן איבער אים, זיך אויפהויבנדיק אויף די פליגלען פון הומאָר (זיך דערהויבנדיק דורך דעם אויך איבער זיין אייגענער מנחם־מענדלשער טייל).

טביה איז שלום עליכמס מענטשלעכסטער העלד. נישט אומזיסט איז זיין בוך „טביה דער מילכיקער" דאָס רייפסטע און רייכסטע פון זיין גאַנצער רייכער ירושה (אפשר מיטן אויסנאַם פון דער אויטאָ־ביאָגראַפיע — „פונם יאַריד"). בלויז דורך אַזאַ טיפּ, ווי טביה, האָט שלום עליכם געקאָנט ברענגען צום אויסדרוק זיין גאַנצע טיפקייט און דאָס גאַנצע ליכטיקע לעבנס־געפיל זיינס.

די קאָנסטרוקציע פון „טביה דער מילכיקער" איז זייער אַ פשוטע: טביה דערציילט שלום עליכמען עטלעכע עיקרדיקע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, באַזונדערס די צרות, וואָס ער האָט געהאַט פון זיינע טעכטער. איין טאָכטער האָט חתונה פון ליבע פאַר אַן אָרעמען שניידער, הגם זי קאָן נעמען פאַר אַ מאַן אַ רייכן קצב; די צווייטע טאָכטער האָט חתונה מיט אַ רעוואָלוציאָנער און פאָרט אים נאָך קיין סיביר; די דריטע טאָכטער שמדט זיך, ווייל זי האָט זיך פאַרליבט אינם דאָרפס־שרייבער; די פערטע ענדיקט מיט זעלבסטמאָרד, ווייל זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ מאַמעס אַ זונדל, מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, און די רייכע מאַמע איז נישט מסכים אויף אַ מעזאַליאַנס; מיט דער פינפטער טאָכטער גע־שעט אויך אַן אומגליק — זי האָט חתונה פאַר אַ רייכן גרוביאַן און באַגייט אַ מאָראַלישן זעלבסטמאָרד — זי טויט אירע געפילן.

און היות דער דאָזיקער איידעם־גרוביאַן וויל פּטור ווערן פונם אָרעמען שווער, שיקט ער אַרויס טביהן קיין ארץ־ישראל.

שלום עליכם האָט דערנאָך צוגעשריבן נאָך צוויי דערציילונגען וועגן טביהן (דאָס זעלבע האָט ער געמאַכט מיט מנחם מענדלס בריוו), — אגב אורחא וועגן דעם, ווי אַזוי מען שיקט אים אַרויס פון דאָרף; אָבער דאָס לעבעדיקסטע טייל בוך באַשטייט פון זיינע דערציילונגען וועגן גורל פון די טעכטער.

פאַר זיך גופא זענען די דאָזיקע געשעענישן וואָכעדיק, אָבער אַ דאַנק זיי האָט שלום עליכם דערגרייכט צוויי צילן: יעדע געשעעניש מיט זיינער אַ טאָכטער עפנט אויף פאַר אונדז אַן עטאַפּ אין דער

אַנטוויקלונג אָדער אינם פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון אונדזער פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער. דאָס, וואָס זיין צייטעל האָט חתונה פֿון ליבע, איז פֿאַר טביהן אַ קלאַפּ, אַן אומבאַגרייפֿלעכע געשעעניש: „זיי האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז זיי זאָלן זיך נעמען? נו, און וואו בין איך?... אַ בחור באַגעגנט זיך מיט אַ מיידל און זאָגט צו איר: לאָמיר זיך געבן דאָס וואָרט, אַז מיר זאָלן זיך נעמען... עפּעס גלאַט הפקר־ציבעלעס...“

נאָך ווייניקער באַגרייפֿלעך פֿאַר אים איז די האַנדלונג פֿון זיין האָדל: חתונה האָבן פֿאַר עפּעס אַ „פּעפּערל“ און פֿאָרן — אויפֿן האָניק־חודש — קיין סיביר!

צום בעסטן האָט די אויבנדערמאָנטע באַדייטונג פֿון „טביה דער מילכיקער“ דעפֿינירט טביהס לעצטע טאָכטער — ביילקע, וועלכע האָט חתונה געהאַט פֿאַרן רייכן גרוביאַן. ערשט איצט זעט טביה איין, אַז צייטעל און האָדל האָבן געהאַנדלט בעסער פֿאַר זיין „מיזינקע“. און ווען טביה זאָגט עס זיין טאָכטער, ענטפֿערט זי אים:

„...צו האָדלען, זאָגט זי, זאָלסטו מיך, זאָגט זי, נישט גלייכן. האָדל איז געווען, זאָגט זי, אין אַזאַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיך געוויגט, זאָגט זי, געהאַלטן אָט־אָט ביי איבערקערן זיך, האָט מען זיך געזאָרגט, זאָגט זי, פֿאַר דער וועלט, און זיך האָט מען פֿאַרגעסן; און איצט, זאָגט זי, אַז די וועלט איז אַ וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיך יעדער פֿאַר זיך און די וועלט האָט מען פֿאַרגעסן...“

דאָס איז דער ערשטער ציל פֿון „טביה“ — ווייזן דאָס יידישע לעבן דורך דער פּריזמע פֿונם גורל פֿון טביהס טעכטער.

דער צווייטער ציל באַשטייט אין דעם, צו געבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען די גאַנצע טיפֿקייט און ריינקייט טביהס, איינעם פֿון די סימפּאַטישסטע העלדן אין אונדזער ליטעראַטור, — אַ העלד, אין וועלכן דאָס אינדיווידועלע הייבט זיך אָן אָדורכצושלאָגן דורך דעם קאָלעקטיוון (שטיינבלייבנדיק אויפֿן מיטן וועג). אין דער צווייטער דערציילונג פֿון דער דאָזיקער סעריע, אין „אַ בוידעם“, האָבן מיר שוין געזען, ווי מענטשלעך ער רעאַגירט אויף זיין אומגליק ביים באַגעגענען מנחם מענדלען, וועלכער האָט אַוועקגעלאָזן מיטן רויך אויף דער בירזשע זיינע, טביהס, בלוטיקע הונדערט רובל. און די דאָזיקע מענטשלעכקייט וואַקסט מיט יעדער דערציילונג, פֿאַרוואַנדלענדיק צייטנווייז דעם דאָזיקן דאָרפֿישן יידן אין אַ אימפּאָנירנדיקע פּערזענלעכקייט.

אינם דאָזיקן טראַדיציאָנעל־דענקנדיקן יידן, אינם יידן פֿון קאָלעקטיוון טיפּ, הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַן אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט, אַ זעלבשטענדיק־דענקנדיקער מענטש, וועלכער רעאַגירט נישט

רעפלעקטיוו, ווי אַ קאָלעקטיווע באַשעפעניש, נאָר מיט זיין אינדיוויד־ דועלן געוויסן, — דעם דאָזיקן שענסטן בלימל אויפן פרוכטבאַרן פעלד פון קאָלעקטיוון מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

ביי יעדער צוזאַמענשטויס מיט זיינע טעכטער אָדער צוליב זיינע טעכטער, רעאַגירט טביה רעפלעקטיוו, מיטן קאָלעקטיוון באַוואוסטזיין, לויט דער קאָלעקטיווער עטישער נאָרמע, אָבער תיכף ווערט זיך אין אים אויף זיין אינדיווידועלער געוויסן, זיין אינדיווידועלער באַוואוסטזיין. אין דער דערציילונג „האָדל", ווי מיר ווייסן שוין, קלייבט זיך טביהס טאָכטער נאָכצופאָרן איר מאַן קיין סיביר, און אָט פאַרבינדט זיך אַ קורצער אָבער טיפער שמועס צווישן טביהן און האָדלען (ווען שלום עליכם ווערט טיף, ווערט ער אויסטערליש לאַקאָניש. אָבער וועגן דעם וועט אויסקומען צו זאָגן עפעס ווען מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף שלום עליכמען אַלס קינסטלער, אַלס קינסטלערישע פערזענלעכקייט).

„איך פרעג זי נאָר איין זאַך: וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ מיידל זאָל נעמען און התונה האָבן פאַר אַ בחור צוליב דעם, זי זאָל אים קאָנען נאָכגיין ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר? ענטפערט זי מיר: מיט ,אים' איז אַליין איינס, אפילו אין אַלדי שוואַרצע יאָר... גיב איך איר געוויינלעך צו פאַרשטיין מיטן שכל, ווי נאַריש דאָס איז. גיט זי מיר צוריק צו פאַרשטיין מיט איר שכל, אַז איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרשטיין".

אָבער האָדל איז נישט גערעכט: טביה פאַרשטייט זי. שוין דאָס אַליין, וואָס ער רעדט וועגן דעם שכל פון זיין טאָכטער, באַווייזט, אַז ער לאָזט צו דעם געדאַנק וועגן אַ צווייטן אָדער אַ צווייטנס אמת. נישט נאָר האָדל פאַרשטייט די טראַגעדיע פון צווייטן צד, — אויך טביה נעמט אויף, — אויב נישט אין זיין מוח, איז אין זיין האַרצן, — די טראַגעדיע פונם קאַמף צווישן טאַטעס און קינדער. און איך ספק צי האָט עמיצער ווען עס איז קירצער און בולטער און שענער אויס־ געדריקט די טראַגעדיע פון די „פאָטערס" און פון די „קינדער", ווי שלום עליכם האָט דאָס געטאָן אין טביהס „האָדל".

ווען האָדל וויל אָוועקוואַרפן טאַטע־מאַמע און פאָרן נאָך איר פע־ פערל קיין סיביר, גיט איר טביה „אַ משל מיט אַ הון, אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפ־ געכאַפּט אויף די פיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וואַסער, און די קוואָקע נעבעך קוואָקעט". און ער פרעגט זיין האָדל: „וואָס, זאָג איך, וועסטו זאָגן, זאָג איך, דערויף, טאָכטער לעבן?" ענטפערט אים האָדל: „וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגן? ס'איז אוודאי אַ רחמנות,

זאָגט זי, אויף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט, זאָלן די קאַטשקעלעך נישט שווימען?..."

און טביה גיט צו מיט שטאָלץ: „איר פאַרשטייט דיבורים? טביהס טאָכטער רעדט נישט גלאַט..."

אָבער ווי שיין עס זאָל נישט זיין האַדלס ענטפער, איז דער אופן ווי טביה נעמט אים אויף — נאָך שענער. אַז דאָס קאַטשקעלע, וואָס וויל אָוועקשווימען פון דער הון, וואָס האָט זי אויסגעזעסן, געפינט אַ שיינעם ענטפער צו באַרעכטיקן איר פאַרלאַנג, איז נישט אַזאַ וואונדער. אָבער דאָס, וואָס די הון, וועלכע קאָן נישט מיטשווימען, באַגרייפט די שיינקייט און גערעכטיקייט פון דער אומדאַנקבאַרער קאַטשקעלעס מאָטיוו, דאָס איז אַ וואונדער!

טביה קאָן מיטוואַקסן מיט זיינע טעכטער, און דאָס איז אַ גרויסע האָפנונג. טביה פירט אַליין אָפּ האָדלען צו דער באַן, הגם זיין האַרץ ווערט שיר נישט צעפּלאַצט. ער איז מקבל באהבה זיין גורל — די קאַטשקעלעך מוזן און דאַרפן שווימען...

* * *

לייענט מען שלום עליכמען, פאַרגעסט מען אָפט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ שרייבער, מיט אַ שרייבערשער פּערזענלעכקייט. זיינע ווערק מאַכן דעם איינדרוק פון עפּעס סטיכישעס: דאָס יידישע לעבן האָט באַהערשט שלום עליכמען, ווי אַ דיבוק באַהערשט אַ מענטשן, און האָט זיך קינסטלעריש אויסגעקריסטאַליזירט דורך אים.

אָבער ביים דאַזיקן כלומרשט אומפּערזענלעכן שרייבער זענען דאָ זייטלעך, וואו עס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אייך, אין זיין גאַנצער פּראַכט, דער באַוואוסטזיניקער, ציל־באַוואוסטער קינסטלער פון וואָרט, די שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט. און נישט נאָר אין באַזונדערע בלעטלעך געפינען מיר די שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט פון דאַ־זיקן גרויסן באַוואוסטזיניקן קינסטלער, נאָר אפילו אין גאַנצע ווערק. צו די דאַזיקע לעצטע געהערן, אין דער ערשטער ריי, שלום עליכמס נישט פאַרענדיקטע אויטאָביאָגראַפיע „פונם יאריד" און די בעסטע דערציילונגען פון „טביה דער מילכיקער".

שלום עליכם, דער וואָרט־רייכסטער פון אַלע יידישע שרייבער; שלום עליכם, וואָס זיינע מאָנאָלאָגן גיסן זיך אַראָפּ כמעט ווי אייביקע וואַסער־פאַלן — דער דאָזיקער שלום עליכם האָט אַ זעלטענעם געפיל פאַר מאָס, ווי נאָר ער גופא קומט צום וואָרט. זיין פּרעכטיקע דערציי־לונג „דרייפוס אין כסרילעווקע" פּוענטירט שלום עליכם מיט סוּאווע־רענער מייסטערשאַפט:

„אַ סימן — ווער איז געווען גערעכט?"

אינם פאַרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון „מנחם מענדל", שרייבט שלום עליכם:

„...צו דער צווייטער אויפלאַגע האָב איך אַ סך בריוולעך שטאַרק פאַרקירצט און אַ סך בריוולעך גאָר אַרויסגעוואָרפן. אָנגעוואָרן דערביי האָבן נאָר די זעצערס. ווייטער קיינער נישט. דער מחבר פון דעם בוך גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַ ווערק, וואָס ס'איז קירצער, איז דאָס אַלץ בעסער".

באַדאַרף מען דען אַ בעסערן באַווייז פאַר דער באַוואוסטזיניקער באַציאונג צום וואָרט?

אָבער עס לוינט נישט אויפצוזוכן די דאָזיקע צעוואָרפענע באַווייזן פאַר זיין וואָרט־גלייכגעוויכט, בעת מיר האָבן פאַר זיך זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך איין גרויסן באַווייז, אַז שלום עליכם האָט געקאָנט זיין אַ קנאַפּ־וואָרטיקער קינסטלער. לייענסט און וואונדערסט זיך: נישט שוין־זשע איז דאָס דער זעלביקער שלום עליכם, דער מחבר פון „דאָס טעפּל" און פון די אייזנבאַן־געשיכטעס? אין עטלעכע ווערטער פאַראייביקט ער אַ מענטשן. אין עטלעכע שורות — אַ געשעעניש. ווי מיט אַ מעכטיקער שפּעדישער האַנט דריקט ער אויס פון יעדער געשעעניש זיין עקסטראַקט, און אין יעדן עסענצאַרטיקן וואָרט־טראָפּן זיינעם פילן מיר די גאַנצע פולקייט פון לעבן. אין דער דאָזיקער קנאַפּער דאָזע באַקומט איר אַלץ, ווייל דאָס איז אַ שטאַרק־קאָנדענסירטע פולקייט.

אַ דאַנק דעם בוך „פונם יאַריד" זעען מיר בולט איין, אַז שלום עליכמס געוויינלעכע פילוואָרטיקייט איז נישט זיין אייגנשאַפט — נאָר די אייגנשאַפט פון זיינע העלדן, — שלום עליכם גיט בלויז געטריי איבער דאָס, וואָס זיינע העלדן לייגן אים אַריין אין מויל. דאָרט, וואו שלום עליכם רעדט אין אייגענעם נאָמען, הערשט ער איבער זיין געשליפענעם צינגל, איז ער פול מיט מאָס־געפיל.

אין שלום עליכמס אויטאָביאָגראַפיע „פונם יאַריד" שפּירט מען צום גוטן די ווירקונג פון זיין גייסטיקער גלייכגעוויכטיקייט פון אַ הומאָריסט. ווען ער שוועבט איבערן אייגענעם לעבן פון דער הויך פון זיין שטראַלנדיקן הומאָר, פאַרשווינדט פון זיינע אויגן און פון זיין נשמה דער כאַאָס פון קלייניקייטן, און זיין לעבן ליגט אויסגעשפּרייט פאַר אים — אַ קלאָרס, אינגאַנצן ווי אויף דער דלאָניע, נישט קיין פאַרפלאָנטערטס, פון פויגל־פלי־הויך. אין אַ פאַרקלענערטן קעשענע־פאָרמאַט, אָבער נישט קיין אָרומגעשניטנס — אין זיין גאַנצער פולקייט!

אינם בוך „פונם יאַריד" איז געקומען בולט צום אויסדרוק שלום

עליכמס קינסטלערישע פערזענלעכקייט, אָבער שלום עליכם דעם קינסטלער קאָן מען געפינען אין זיין גאַנצן ריזיקן וואוקס נאָר אין די בעסטע דערציילונגען פון „טביה דעם מילכיקן".

שפרינצע, טביהס פערטע טאָכטער, פאַרליבט זיך אין אַ רייכן, נאָר כאַראַקטער־שוואַכן יונגן מענטשן, אַ דאַטשע־גאַסט אין דער נאָענט פון טביהס דאָרף. ער וויל חתונה האָבן מיט איר, אָבער זיין מוטער איז נישט מסכים און פירט אים צוריק אַוועק אין שטאָט אַריין, איבערלאָזנדיק פאַר איר ברודער די אַרבעט אויסצוקויפן זיך פון טביהן, וועלכער האָט, לויט איר חשד, פאַרפירט איר תכשיט.

און אָט זיצט דער ערלעכער, אָפנהאַרציקער טביה אַקעגן דעם רייכן, גראָב־בייכיקן ציניקער, וועלכער שיט מיט שמוציקע חשדים און נאָך שמוציקערע פאָרשלאָגן. עס פאַלט אים גאָרנישט איין, אַז טביה פאַרשטייט אפילו נישט זיינע שמוציקע אָנצוהערענישן: „אָפן גערעדט, ווי פיל וועט דאָס אונדז קאָסטן אַרום און אַרום?... אָבער אָפן גערעדט!"; „איך פרעג אייך, זאָגט ער, ווי פיל וועט אונדז קאָסטן אַרום און אַרום די חתונה?"; „דאָס ווענדט זיך, זאָג איך, וואָס פאַר אַ חתונה איר מיינט. אויב איר מיינט אַ גרויסאַרטיקע חתונה, ווי אייך שטייט אָן, בין איך, זאָג איך, נישט אימשטאַנד..."

דער פעטער פון טביהס נישט דערגאַנגענעם איידעם מיינט, אַז טביה מאַכט זיך תמעוואַטע און ער ענטפערט אים מיט שמוציקע שפּילקעס. ער איז אפילו חושד, אַז טביה האָט בכלל קיין טאָכטער נישט, אַז ער האָט געדונגען אַ מויד, כדי צו שאַנטאַזשירן זיין רייכע שוועסטער... ער זאָגט:

„אָדער איר מאַכט זיך תמעוואַטע, אָדער איר זייט טאַקע אַ תם... כאָטש אפילו, זאָגט ער, איר זעט נישט אויס פון קיין תם, וואָרום איר זאָלט זיין, זאָגט ער, אַ תם, וואָלט איר נישט אַריינגעשלעפּט, זאָגט ער, מיין פלימעניק אין אַ בלאָטע, אים פאַרבעטן צו זיך כלומרשט אויף שבועותדיקע בלינצעס, אים אונטערגעשטעלט דאָרט אַ שיין מיידל, צי יאָ אַ טאָכטער, צי נישט קיין טאָכטער. איך גיי נישט אַריין, זאָגט ער, אַזוי ווייט..."

טביה טראַכט: „רבונו של עולם! וואָס וויל דער ייד?"

און ווען ער נעמט ענדלעך פאַרשטיין, פאַרלירט ער פלוצלונג די פעאיקייט צו רעדן, — טביה, וואָס דאַרף אויך אין דער דאָזיקער דערציילונג נישט קריכן אין קעשענע נאָך אַ הונדערט ווערטער, קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. נישט פון דער עוולה ווערט טביה שטום, — מיטן פּאָפּ, וועלכער האָט אָפּגענומען ביי אים זיין חוה, פירט ער אַ

שמועס ווי טביה קאַן, — טביה ווערט שטום פון עקל־געפיל, זיין נשמה האָט זיך איינגעקורטשעט פונם צוריר צו שמוץ.

„איר ווילט וויסן, וואָס איך האָב אים געענטפערט? איך האָב אים, אַז אַך און ווי איז מיר, גאָרנישט געענטפערט. ס'איז מיר געווען, ווי זאָגט איר, תדבק לשוני, עס האָט מיר ווי אָפּגענומען דאָס לשון...„

טביה האָט זיך אויפגעהויבן, „זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר — און נישטאָ מיך!" און צוקומענדיק צו זיין וואָגן, האָט ער פאַר־דזוקט אין אים זיין קאָפּ און זיך פאַנאַנדערגעכליפּעט ווי אַ קינד.

ווי טביה איז נישט באַרעדט — זיינע שטומע טרערן זענען נישט דער ערך באַרעדעוודיקער. טביה איז שיין אין זיין באַרעדעוודיקייט, אָבער אין זיין אויפגערעגטער שווייגעוודיקייט אָדער קנאַפּוואָרטיקייט איז ער הערלעך.

אַ דאָרפישער ייד, אַ מילכיקער (שוין גראָד נישט קיין מילכי־קער!), געפינט נישט ביי זיך, אַלס ענטפער דעם געמיינעם מיליאָנער, קיין איין זידל־וואָרט, קיין איין פסוק, — ער וואַשט אָפּ מיט טרערן זיין נשמה, וואָס איז באַשפּריצט געוואָרן מיט פרעמדער בלאָטע.

ווען טביה דערגייט — אין זיין געוויינלעכן וואָרט־רייבן דערציילן שלום עליכמען וואָס עס איז וויטער געשען — צום אָרט, ווי ער לויפט צו צום טייך, וואו די טאָכטער האָט זיך דערטרונקען, און זעט, אַז ס'איז שוין שפּעט, ווערט ער ווידער קנאַפּ־וואָרטיק. און נישט נאָר דאָס — סאַראַ ווייניקע ווערטער ער געפינט, כדי איינצייטיק אי אויסצודריקן זיין אומגליק, אי אויסצובאַהאַלטן זיין וואונד פאַר פרעמדע אויגן: „וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן? ... יאָ! האָט איר געזען ווען אַ דערטרונקענעם? קיין מאָל נישט? ... אַ מענטש אַז ער שטאַרבט, שטאַרבט ער מייסטנטיילס מיט צוגעמאַכטע אויגן ... ביי אַ דערטרונקענעם זענען די אויגן אָפן — ווייסט איר נישט דעם שכל, פאַרוואָס דאָס איז? ...„

סאַראַ קינסטלער! אין רעכטן אימפּעט פון זיין וואַסער־פאַליקער באַרעדעוודיקייט שטעלט ער זיך אָפּ אָדער פאַרלאַנגזאַמט זיין אימפּעט פּונקט דאַן, ווען דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק.

נאָך גרעסערע קינסטלערישע הויכן האָט שלום עליכם דערגרייכט אין זיין „חוה", אין טביהס שמועס מיטן פּאָפּ און אין טביהס באַגע־געניש מיט דער געשמדטער חוה אין וואַלד. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דער לעצטער סצענע.

טביה איז אַ פרומער ייד און די געשמדטע חוה איז פאַר אים

געשטאָרבן. אָבער טביה איז פּאָרט אַ טאַטע, און אַ ליבנדיקער טאַטע, און ווען ער פּאָרט אַהיים דורכן וואַלד, דערמאָנט ער זיך נישט וויל־דיק אין זיין געראַטנסטער, שענסטער טאָכטער. „און איך פאַרגעס אויף אַ ווײַלע, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, און עס ציט מיר צו איר דאָס האַרץ, און די נשמה נאָגט, בענקט נאָך איר..."

אָבער טביה דער ייד דערמאָנט זיך, וואָס טביה דער פאָטער האָט פאַרגעסן: און עס צינדט זיך ווידער אָן אין אים דאָס פייער פון צאָרן אויף אַלץ און אויף אַלעמען, „און אויף זיך אַליין, פאַרוואָס איך קאָן זי נישט פאַרגעסן אויף קיין מינוט; פאַרוואָס זאָל איך זי נישט קאָנען אויסמעקן, אַרויסרייסן פונם האַרצן?"

און מיטאַמאָל דערשפּירט דער פאַרטראַכטער טביה, אַז זיין פערדל איז שטיין געבליבן. „וואָס איז דאָס? איך הויב אויף די אויגן, איך טו אַ קוק — חוה! די אייגענע חוה, וואָס פריער, נישט געמינערט אַ האָר, אפילו די מלבושים נישט איבערגעביטן!... דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אויף די געדאַנקען איז — אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן און אַרומכאַפּן זי קושן... נאָר באַלד טוט מיך צוריק אַ צי אַ געדאַנק: טביה? וואָס ביסטו, אַ יידענע? און איך טו אַ צי דאָס פערדל: וויאָ, שלימזל! — און נעם מיך רעכטס. איך טו אַ קוק — מיינע אויך רעכטס, מאַכט עפּעס צו מיר מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: ׳שטיי אַ ווײַלע, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן'... און עס טוט זיך מיר אַ ריס אָפּ אינעווייניק און אַ צופּ ביים האַרצן, און איך לאָז אָפּ הענט און פיס. אָט־אָט־אָט טו איך אַ שפּרונג אַראָפּ פונם וואָגן! נאָר איך האַלט מיך איין, טו אַ צי דאָס פערדל און נעם מיך לינקס — מיינע אויך לינקס, קוקט אויף מיר משונה־ווילדע, דאָס פּנים טויט... וואָס טוט מען? — טראַכט איך מיר, — זאָל איך בלייבן שטיין, צי איך זאָל פאָרן ווייטער? און איידער איך קוק מיך נאָר אַרום — אַהאַ, זי האַלט שוין דאָס פערדל ביים צוים און מאַכט צו מיר: ׳טאַטע! זאָל איך שטאַרבן אויב דו וועסט זיך רירן פונם אָרט! איך בעט דיך, הער מיך אויס פריער, טאַטע־פאָטער!...׳ ע, טראַכט איך מיר, ווילסט מיך נעמען מיט געוואַלד? ניין, נשמה מיינע! ווי באַלד אַזוי, איז אַ סימן, אַז דו קענסט נישט דעם טאַטן דיינעם... און דאַוואַי שמייסן דאָס פערדל אויף וואָס די וועלט שטייט. און מיין פערדל פאָלגט, שפּרינגט, נאָר עס דרייט צוריק דעם קאָפּ, מאַכט בשעת מעשה מיט די אויערן. וויאָ, זאָג איך צו דעם, אַל תסתכל בקנקן, קוק נישט, חכם מיינער, אַהין, וואו מען דאַרף נישט... און אַליין, מיינט איר, ווילט זיך מיר

נישט אויסדרייען דעם קאָפּ צוריק און אַ קוק טאָן, כאָטש איין קוק טאָן אַהין, אויף יענעם אָרט, וואו זי איז שטיין געבליבן?..."

און דאָ קומט טביהס דערציילונג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אויפן וועג אַהיים, — אַ באַשרייבונג, וואָס די פעדער פון גרעסטן קינסטלער וואָלט זיך געמעגט גרויסן מיט איר. אָבער פאַר אונדזער ציל — צו אילוסטרירן שלום עליכמס קינסטלערישע קראַפט, — וועט גענוג זיין די אויבן געבראַכטע מאָנומענטאַלע, קנאַפּ־וואָרטיקע, און מצד טביהן — בכלל שטומע סצענע.

און וואָס פאַרא וואונדערלעכער פּרט — טביהס פערדל וואַרפט בליקן, בעתן לויפן, אויף צוריק, ווי פאַרבייטנדיק טביהן, וועמען עס ווילט זיך טאָן דאָס זעלבע. דאָס פערדל, דוכט זיך, דערמאָנט טביהן, אַז אפשר האַנדלט ער נישט מענטשלעך. און טביה פילט די געוועב־טיקייט פונם פערדלס שטומע פאַרוואורפן. און דערפאַר טאַקע שמייסט ער עס אַזוי שטאַרק מיטן בייטש — ער וויל פאַרשמייסן זיין געפיל, זיין געוויינלעכע מענטשלעכקייט, וואָס הויבט אָן אויפצוהויבן דעם קאָפּ אויך אין דאָזיקן מאָמענט, דעם שרעקלעכסטן פאַר אַ יידן. טביה שמייסט מיטן בייטש זיין שטאַרקע אינדיווידואַליטעט, וואָס איז שוין כמעט ווי גרייט דורכצוברעכן אויך דעם דאָזיקן שטאַרקסטן און גרעבסטן שיכט פון דער קאָלעקטיווער יידישער נשמה, אָבער די דאָ־זיקע לעצטע זיגט אין שלום עליכמס סימפּאַטישן, טיפן, אין טראַגישע מאָמענטן אפילו מאַיעסטעטישן, אָבער דאָך מאָדנעם העלד: ער איז איינצייטיק אי אַ קאָלעקטיווער, אי אַן אינדיווידועלער העלד; זיין אינדיווידואַליטעט איז אָפּט שוין כמעט אַן אוסגעפורעמטע און זי איז גרייט דורכצוברעכן די שאָלעכץ פון קאָלעקטיוויטעט, און דאָך ברעכט זי זי נישט דורך און זי ציט אַריין דעם קאָפּ צוריק טיפער אין דער שאָל, כדי זי נישט דורכצוברעכן דורך אַ האַסטיקן הויב.

טביהס אינדיווידואַליטעט שפּילט זיך מיט אונדז אין באַהעלטער־לעך, פונקט ווי שלום עליכמס טאַלאַנט טוט דאָס אין די דאָזיקע דער־ציילונגען: ער איז אין זיי נישט נאָר אַ הילכער פאַר דעם פאָלקס שטימע, ווי אין דעם רוב דערציילונגען זיינע, און ער איז אין זיי נישט נאָר אַ קינסטלער־פּערזענלעכקייט, ווי אינעם בוך „פונם יאַריד", — ער ווייזט דאָ אַרויס די צוויי שטאַרקע זייטן פון זיין באַצויבערנדיקן טאַלאַנט: זיין סטיכייאישן פאָלקס־שעני און זיין פיינסטע קינסטלע־רישע פּערזענלעכקייט.

די סצענע צווישן טביהן און חוהן אין וואַלד דערמאָנט מיך שטענדיק מיט איר לאַקאָנישן טראַגיזם די אומפאַרגעסלעכע סצענע

צווישן טאַראַס בולבאַ און זיין זון, דעם פאַררעטער אַנדרעי, ווען בולבאַ טויט גייסטיק און פיזיש זיין הייס־געליבטן זון אַן איין וואָרט, פּונקט ווי טביה טויט גייסטיק זיין געליבטע טאָכטער אָן איין וואָרט.

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז גראַד גאָגאָל און שלום עליכם — די געניאַלע הומאָריסטן — האָבן אַרויסגעוויזן אַ וואונ־דערלעכן חוש פאַר מאָס ביים מאָלן מאָמענטן, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט העכסטער טראַגיק.

הומאָר איז דאָך דאָס קינד פון טראַגיזם, נאָר ער שוועבט הויך איבער זיין פאָטער, נישט פאַרלירנדיק אים פון אויג, נאָר זעענדיק אים אין אַ מיניאַטורער פּולקייט. נאָר דער, וואָס איז פעאיק צו אַנט־וויקלען אין זיין אויפנעמבאַרער נשמה די דאָזיקע מיניאַטור צו איר נאַטירלעכער גרויס, — ווי מען אַנטוויקלט אַ מיניאַטורע פאָטאָגראַפיע, — נאָר יענער וועט אויפנעמען אין זייער שרעקלעכער פולקייט די טראַגישע סצענעס פון שלום עליכמען און גאָגאָלן.

און זיי וועלן דערפילן סאַראַ קינסטלער דאָס זענען!

* * *

זייער אַ סך העגנט אָפּ פון דער באַלויכטונג: אין שלום עליכמס בעסטע ווערק (און זיי זענען נישט ווייניק) איז דאָ אַ סך טראַגישעס, אָבער אויפן ערשטן בליק באַמערקט מען נישט די דאָזיקע טרויעריקע טיפקייט: אַלץ איז דאָך באַלויכטן מיט אַזאַ באַצויבערנדיקן שמייכל.

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן אויך וועגן שלום עליכמס לעבן. אין דאָזיקן לעבן איז דאָ אַ סך טראַגישעס און צילבאַוואוסט־טיפּס, אָבער אויפן ערשטן בליק באַמערקט מען דאָס נישט: אַלץ איז דאָך באַגאָסן מיט שלום עליכמס שטראַלנדיקן געלעכטער, און דער דאָזיקער געלעכ־טער פירט אונז אַריין אין אַ טעות...

אַ לאַנגיאָריקע טויטלעכע קראַנקהייט... שלום עליכם אין דער ראָל פון זיין העלד מנחם מענדל... דער קאַמף מיט דער שונד־ליטעראַטור און — די אייגענע טיילווייזע פאַרקנעכטונג ביי איר... דער קאַמף פאַר דעם פאַנאַנדערבלי פון דער יידישער ליטעראַטור...

אָבער דאָס אַלץ וואַרפט זיך נישט אין די אויגן: דאָס טראַגישע און דאָס טיפע זענען צוגעדעקט מיט אַ וואואַל פון געלעכטער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אי פאַר שלום עליכמס ווערק, אי פאַר זיין לעבן.

אין די דערינערונגען פון שלום עליכמס טאָכטער, ליאָלאַ קאַופ־

מאַן, געדרוקט אין „שלום עליכם־בוך" (אונטער דער רעדאַקציע פון זיין איידעם, דעם באַקאַנטן העברעאישן שרייבער י. ד. בערקאָוויטש, דעם איבערזעצער פון שלום עליכמס ווערק אויף העברעאיש), געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון שלום עליכמס שעפערישן פּראָצעס:

„ווי פרי מען זאָל אין שטוב נישט אויפשטיין, פלעגט ער אָבער אויפשטיין נאָך פריער, און — גלייך צו זיין טישל און צו דער פען. אַ זייטיקן מענטשן האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז נישט ער שרייבט, נאָר ער זשעסטיקולירט און רעדט צו זיך אַליין. ס'איז אָבער געווען גע־וועזן, ער זאָל זיך צו אייך אַ קער טאָן מיטן פּנים — און אייך איז באַלד קלאָר געוואָרן: דאָס לאַכט ער.

„עס שטייט אַ מענטש פון נישט־הויכן וואוקס, אין אַ ווייכן באָד־כאַלאַט און מיט שטעקשיך אויף די פיס, שטייט זיך איינער אַליין גאַנץ פרי ביי אַ טישל, מיט אַ פען אין דער האַנט, און . . . לאַכט. דער פרי־מאָרגן פלעגט זיך אָוועקציען ביי אים לאַנג, אַמאָל העט ביז נאָך האַלבן טאָג. די זון איז שוין הויך אין הימל, אַלע אין שטוב זענען שוין לאַנג אויף די פיס, פאַרנומען יעדערער מיטן טאָג — און ער שטייט נאָך אַלץ ביי זיין טישל אַ פרימאָרגנדיקער, שרייבט און לאַכט, שרייבט און לאַכט..."

און דאָס דאָזיקער געלעכטער מאַכט אַזוי לייכט דאָס ווייט נישט תמיד לייכטע שאַפן פון שלום עליכמען; דאָס דאָזיקע געלעכטער מאַכט אַזוי גלאַטיק דאָס שוין גאָר נישט גלאַטיקע לעבן פון שלום עליכמען...

י. גיליגיטש

שלום עליכם — דער קינדער־שרייבער

ווען מיר קוקן זיך צו צו די ליטעראַטורן פון פאַרשידענע פעלקער, באַמערקן מיר אומעטום די זעלביקע דערשיינונג: וועלכע ליטעראַטור מען זאָל נישט נעמען, מעג עס זיין די רייכסטע, פאַרנעמט אין איר די קינדער־ליטעראַטור כמעט אַ נישטיקן אָרט. ווען איך זאָג קינדער־ליטעראַטור, מיין איך נישט די גאַנצע ליטעראַטור געשאַפענע פאַר קינדער, נאָר איין צווייג אירער — די ווערק, וואו עס רעדט זיך וועגן קינדער, וואו דער שרייבער שילדערט אונדז די נשמה פונם קינד, די קינדערשע וועלט.

ווען מיר נעמען, למשל, די רוסישע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע גאונים אין פּאָעזיע און פּראָזע, ווי: פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי און אַ סך אַנדערע. וויפיל ווערק האָט איר דאָרט געווידמעט דער נשמה פונם קינד? וויפיל שרייבער האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די איבערלעבונגען פונם קינד, מט זייערע פריידן און ליידן?

אַ פּאָר געציילטע דערציילונגען (אמת, זייער גוטע) קען מען געפינען ביי טשעכאָוו, אַ פּאָר ביי טאָלסטאָיען און דאָס איז אַלץ. פּושקין, וואָס האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּרעכטיקע מעשיות פאַר קינדער, האָט נישט געשאַפן קיין איין קינדער־טיפּ, און די רוסישע ליטעראַטור, איינע פון די רייכסטע אין דער וועלט, איז גלייכצייטיק איינע פון די אָרעמסטע אויפן געביט פון קינדער־ליטעראַטור. איך רייד נישט וועגן אַזעלכע שרייבער, ווי אַלטייעוו, קלאַוודיאַ לוקאַשעוויטש, וואָס זייערע ווערק האָבן זייער אַ קליינעם קינסטלערישן ווערט, און אוודאי נישט וועגן טשאַרסקין, דעם שמ״ר פון דער רוסישער קינדער־ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם רוסישן ביכער־מאַרק מיט אירע „ווערק", דער עיקר פאַר מיידלעך. וועגן אַזאַ ליטעראַטור לוינט נישט צו ריידן. די „טרילס" און קאָמיקס, וואָס ווערן פאַרקויפט אין אַלע ענגליש־רעדנדיקע לענדער אין די מיליאָנען, פאַררעכנט קיינער נישט פאַר ווערק, וואָס האָבן אַ וועלכע נישט איז קינסטלערישע באַדייטונג.

אַז מיר נעמען די פּוילישע ליטעראַטור מיט אַזעלכע באַדייטנדיקע שרייבער, ווי: מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, זשעראָמסקי, ריימאָנט און צענדליקער אַנדערע, באַמערקן מיר אויך די זעלביקע דערשיינונג. אַוי־סער שענקעוויטשן, וואָס האָט געשאַפן אַ פּאָר קינדער־דערציילונגען און איין גרעסער ווערק, „מדבריות און וויסטענישן" (אגב, אין לעצטן ווערק ווערט דער טראָפּ געלייגט נישט אויפן כאַראַקטער פון די קינדער, נאָר אויף די פּאַסירונגען מיט זיי), איז זייער ווייניק אָרט אָפּגעגעבן געוואָרן דער ליטעראַטור וועגן קינדער. איין איינציקן שרייבער אין דער גאַנצער רייכער פּוילישער ליטעראַטור, פּרוס (גלאָוואַצקי), קען מען באַצייכענען ווי אַ קינדער־שרייבער, וועמענס קינדער־דערציילונגען האָבן אַ ליטע־ראַרישן ווערט.

איז דאָס נישט אַביסל צו ווייניק?

איך בין ווייניק באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַניש־ענגלישער ליטע־ראַטור, אָבער אויך דאָ, דוכט זיך מיר, וועט גילטן דער זעלביקער כּלל. די קינדער־ליטעראַטור פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל ווערק פון דער אַל־געמיינער ליטעראַטור, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען, וועט אויך דאָ פאַרנעמען זייער אַ קליינעם אָרט.

דיקענס, מאַרק טווען, קעראָל, עליאָט און נאָך אַ פּאָר אַנדערע — דאָס איז דאָך אין כּמות אַ נישטיקער פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט די צענדליקער באַרימטע שרייבער, מיט וועלכע די אַמעריקאַניש־ענגלישע ליטעראַטור שטאָלצירט און וועלכע וועלן בלייבן אומשטערבלעך נישט נאָר אין דער ענגלישער, נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור.

לויט אַ גאַנצער ריי סטאַטיסטיקער, באַטרעפט די צאָל קינדער אַרום 30—40 פּראָצענט פון דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג, און די צאָל ווערק וועגן קינדער דערגרייכט קוים אַרום 5 פּראָצענט פון יעדער ליטעראַטור.

מיט וואָס־זשע דערקלערט זיך די דאָזיקע מערקווירדיקע דער־שיינונג?

מען האָט געפּרוּווט די פראַגע פאַרענטפערן אויף פאַרשידענע אופנים. אייניקע האַלטן, אַז די קינדערשע נשמות זיינען אַזוי פּרימיטיוו, אַזוי איינפאַך און אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע, אַז ס'איז נישטאָ וועגן וואָס צו שרייבן. קיינע פּסיכאָלאָגישע פּאַרוויקלונגען, קיינע אַנאָ־מאַליעס, קיינע טיפערע איבערלעבונגען, קיינע לײדנשאַפטן קען מען ביי קינדער נישט געפינען און דעריבער לוינט זיך נישט לענגער אויף

זיי אָפּצושטעלן. ווען וואָס טראַכטן און ריידן קינדער, מ׳שטיינס געזאָגט? ווי דריקט זיך אויס די מאַמע אין שלום עליכמס קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט״? „וויים איך וואָס — קינדער פּלאַפּלען״. און הונדערטער טאַלאַנטירטע שרייבער, וואָס האָבן געשאַפן טויזנטער באַרימטע ווערק, האָבן געטראַכט פּונקט אַזוי ווי שלום עליכמס מאַמע און האָבן נישט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צוצוהערן צו דעם, וואָס קינדער „פּלאַפּלען״. ווייל וואָלטן זיי זיך צוגעהערט, וואָלטן זיי זיך אָנגעהויבן צוקוקן צום קינדער־לעבן, וואָלטן זיי דערזען פאַר זיך אַ גרויסע וואונדערבאַר־שיינע קינדער־וועלט, וועלכע ס׳איז באמת ווערט צו באַשרייבן.

איך מיין אָבער, אַז דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע ליגט נישט אַזוי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די קינדער, וועלכע מען דאַרף שילדערן, ווי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם שרייבער, וואָס דאַרף זיי שילדערן. כדי צו געבן אונדז לעבעדיקע קינדער־העלדן, מוז דער שרייבער נישט נאָר זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי זיי ריידן און האַנדלען, נאָר ער מוז, אַזוי צו זאָגן, זיך צייטווייליק פאַרוואַנדלען אין זיין העלד, טראַכטן ווי ער און האַנדלען ווי ער, און דאָס איז גאָר נישט אַזוי לייכט.

אין דעם פאַל איז דער שרייבער געגליכן צו אַן אַקטיאָר. אַן אַקטיאָר קען שפּילן גוט זיין העלד נאָר דאַן, ווען ער לעבט זיך אַריין אין דער נשמה פון זיין העלד. ס׳איז נישט גענוג פאַר אים זיך צו פאָרשטעלן פאַר דעם אָדער יענעם העלד, נאָר ער מוז איבערלעבן אַליץ, וואָס דער העלד לעבט איבער, און וואָס שטאַרקער ער לעבט זיך אַריין אין זיין ראָל, אַלץ בעסער, אַלץ נאַטירלעכער באַקומט זיך דער העלד, וועמען ער שפּילט.

עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד פון מיינע שילער־יאָרן. ווען די באַרימטע רוסישע אַרטיסטקע קאָמיסאַרזשעווסקי איז געקומען קיין ווילנע אויף גאַסטראָלן, זיינען מיר, אַ גרופּע צוהערער פונם לערער־אינסטיטוט, געגאַנגען זי זען אין איינער פון אירע בעסטע ראָלן, נאָראַ (אין איבסענס אַ פּיעסע מיטן זעלביקן נאָמען). אין לעצטן אַקט איז דער גאַנצער טעאַטער אויפגעטרייסלט געוואָרן פון איר שפּילן, און ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיך דערהערט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. מיר, יוגנטלעכע, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן הינטער די קוליסן, כדי פּערזענלעך אויסצודריקן דער גרויסער אַרטיסטקע אונדזער אַנטציקונג.

ווי איבערראַשט זיינען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען, ווי קאָמיסאַרזשעווסקי, אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע, ווישט אויף גיך אָפּ די־

טרערן פון איר פּנים איידער זי גייט אַרויס זיך פאַרנויגן פאַרן עולם. לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין דער ראָל פון איר נאַרע, אַז זי האָט אויף דער בינע געוויינט מיט אמתע טרערן.

דאָס זעלביקע קומט אויך פאָר מיטן שרייבער. וואָס מער ער פילט זיין העלד, נישט נאָר ער שטעלט זיך אים פאָר, אַלץ לעבעדיקער וועט ער זיין ביכולת אים צו שילדערן.

דיקענסעס ביאָגראַפן דערציילן, אַז ווען ער פלעגט שרייבן זיינע ווערק, פלעגט ער זיך אָפט באַגיסן מיט טרערן איבער די ליידן פון זיינע העלדן, פּונקט ווי ער וואָלט אַליין איבערגעלעבט זייער פּיין, זייערע יסורים.

אין דעם ליגט די הויפּט שוועריקייט פאַרן קינדער־שרייבער, ווייל די פּסיכאָלאָגיע פון קינדער שיידט זיך שטאַרק אונטער פון דער פּסי־כאָלאָגיע פון דערוואַקסענע. זייער אופן פון באַנעמען די אַרומיקע וועלט, זייער אַרט דענקען און דער עיקר דאָס רעאַגירן אויף פאַרשידענע דערשיינונגען זיינען אינגאַנצן אַנדערש ווי ביי אונדז דערוואַקסענע. דע־ריבער איז דעם שרייבער זייער שווער, כמעט אוממעגלעך אַריינצו־דרינגען אין דער קינדערשער נשמה, אויב ער אַליין האָט נישט אין זיך עפּעס קינדישעס.

דערפאַר טאַקע זיינען אָפטמאָל די קינדער־טיפּן אפילו ביי טאַ־לאַנטירטע שרייבער אַזוי בלאַס, אַזוי אומנאַטירלעך, ווייל דער שריי־בער האָט אויף זיי געקוקט מיט די אויגן פון אַ דערוואַקסענעם, ער האָט זיך נאָר געמאַכט קינדיש, ער איז אָבער קיין קינד נישט געוואָרן, זיינען טאַקע זיינע קינדער־טיפּן געבליבן קליינע מענטשעלעך, ד. ה. דערוואַק־סענע מענטשן אַריינגעשטופּטע אין קורצע קינדערשע מלבושימלעך. פּלאַצן אָט די דאָזיקע מלבושימלעך אין די נעט, און עס שפּאַרט פון אומעטום אַרויס דער דערוואַקסענער, וואָס פאַרשטעלט זיך, שפּילט נאָר די ראָל פון אַ קינד.

און ס׳העלפט אפילו נישט דאָס פאַרשטיין די קינדערשע פּסיכאָ־לאָגיע, דאָס קענען די קינדערשע נשמה — מען דאַרף זי פילן, מען דאַרף אַליין זיין אַ קינד, כדי צו קענען נאַטירלעך שילדערן קינדער. דער בעסטער באַווייז איז אונדזער גרויסער קלאַסיקער — דער זיידע ר׳ מענדעלע. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט צווישן קינדער. ער איז צענדליקער יאָרן געווען אַ לערער — פריער אין זשי־טאָמירער רעגירונג־שול, דערנאָך אין אָדעס אַלס פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיקער תלמוד־תורה. ווער פון אונדזערע שרייבער האָט אַזוי גע־קענט די קינדערשע נשמה ווי ער? און דאָך האָט ער זיך נישט געקענט

דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ קינדער־שרייבער, ווייל ער, דער שטרענגער לערער און מוסר־זאָגער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך די געבענטשטע פרייִדיקייט און לעבעדיקייט, מיט וועלכע ס'דאַרף זיין געבענטשט אַן עכטער קינדער־שרייבער. ער האָט געזען אין די יידישע קינדער נאָר קליינע יידעלעך. ווען ער שילדערט הערשעלען, זיין ליבסטן און אגב געלונגענסטן קינדער־טיפּ, שרייבט ער:

„זיין יוגנט איז פאַרגאַנגען געשווינד, אָפּגעבליבט גיך, און ער איז קינדוויז נאָך געוואָרן אַ קליין יידל, דערשלאָגן, פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און אַלע פּאָסטעמקעס פון אַ גרויסן באַווייבטן יידן. עס האָט אים נאָר געפעלט אַ בערדל" („דאָס וויניטש־פינגערל").

אמת, מען וועט מיך פרעגן, סטייטש? יעדער שרייבער איז דאָך אַמאָל אַליין געווען אַ קינד. ער דאַרף זיך נאָר דערמאָנען, זיך אַריבערטראָגן אין זיין פאַרגאַנגענער קינדערשער וועלט. וועט ער שוין אַלץ דערזען, געפינען אַלץ, וואָס ער באַדאַרף.

ס'איז אָבער נישט אַזוי איינפאַך ווי עס דוכט זיך אויס. דער כאַראַקטער אונדזערער, דער אופן פון אויפנעמען פאַרשידענע דערשיינונגען אין לעבן האָט זיך פון יענער צייט שטאַרק געביטן, און דעריבער, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן פאַרשידענע עפּיזאָדן פון אונדזער קינדהייט, זעען מיר זיי איצט אַנדערש, ווי זיי זענען געווען אַמאָל, ווייל אפילו אונדזער אייגענע קינדהייט זעען מיר מיט די אויגן פון אַ דערוואַקסענעם.

מיט איין וואָרט, אויב דער שרייבער, ווי טאַלאַנטירט ער זאָל נישט זיין, פאַרמאָגט אַליין נישט אין זיך אַ טייל פון דער קינדערשער נשמה, וועט ער קיין גוטער קינדער־שרייבער נישט זיין.

און אויב מיר שטעלן די פראַגע, מיט וואָס דערקלערט זיך שלום עליכמס ריזיקער דערפאָלג ווי אַ קינדער־שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרוואָס האָבן טויזנטער יידישע קינדער מיט אַזאַ גוואַלדיקן אינטערעס געלייענט און ווידער אַמאָל איבערגעלייענט זיינע קינדער־דערציילונגען; פאַרוואָס זיינען אונדזערע ווייסע חברהניקעס אַזוי גיך חבר געוואָרן און זיך שטאַרק צוגעבונדן צו זיינע העלדן, וואָס ער האָט זיי מיט אַ ברייטער האַנט געשאָנקען אין זיינע ווערק; פאַרוואָס פלעגן די קינדערשע אייגעלעך אָנהויבן גלאַנצן פון פרייד, ווען דער לערער אין קלאַס פלעגט מעלדן, אַז היינט וועט מען לייענען שלום עליכמס אַ דערציילונג, — אויף דעם אַלץ איז פאַראַן נאָר איינאיינציקער ענטפער: ווייל שלום עליכם איז אַלעמאָל געווען און ביז זיינע לעצטע

טעג פאַרבליבן אַ קינד מיט אַלע שענסטע און בעסטע אייגנשאַפטן, וואָס אַ קינד קען נאָר פאַרמאָגן.

שלום עליכם שרייבט וועגן זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, „פונם יאַריד", אין דער דריטער פּערזאָן: „מע באַדאַרף זאָגן דעם אמת, אַז גאָר קיין שלעכט יינגל איז דאָס נישט געווען, אָט דער שלום נחום וועוויקס, און געלערנט האָט ער זיך בעסער פון אַלע קינדער, נאָר פּעטש, קולעקעס, מיט קלעפּ, מיט שמיץ, נישט פאַר אייך גערעכט, האָט ער אויך געקראָגן מער פאַר אַלע. מסתמא איז ער ווערט געווען".

שלום עליכם איז זיכער נישט געווען דאָס איינציקע קינד, וואָס האָט געכאַפּט קלעפּ, שמיץ מיט סטוסאַקעס פאַר די שטיפעריייען, פאַר די שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָפּטאָן זיינע חברים, דער רביצין און אפילו דעם רבין. אויף אים אָבער האָבן די קלעפּ ווייניק געווירקט, און נישט דער טאַטע, נישט די שטרענגע מאַמע און שפּעטער די שטיף־מאַמע, נישט די מלמדים האָבן נישט געקענט דערשטיקן אין אים זיין קינדישקייט, וואָס איז שוין אַזוי פאַרבליבן ביי אים אויף זיין גאַנצן לעבן.

ווען איך האָב געאַרבעט אין בערדיטשעוו, האָב איך זיך דאָרט אָפט געטראָפן מיט שלום עליכמס ברודער, וועלכער פלעגט זייער גערן ריידן וועגן שלומען. ער פלעגט אָפט זאָגן, אַז שלום, נישט געקוקט אויף זיינע יאָרן און זיין „פילאָזאָפיע" איז נאָך אַלץ קיין „מענטש" נישט געוואָרן.

איינמאָל, דערציילט ער, בין איך געקומען קיין קיעוו וועגן מיינע געשעפטן און זיך געלאָזט גלייך פון וואָקזאַל צו שלומען. ס'איז געווען ביי טאָג, און איך האָב זיך געאיילט און געטריבן דעם „איזוואָזטשיק" ער זאָל פאָרן גיכער, ווייל ביי שלומען פלעגט מען עסן מיטאָג שטענדיק אין אַ באַשטימטער שעה, און איך האָב נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן. איך בין געקומען מיט אַ פערטל שעה פאַר מיטאָג און נישט געטראָפן שלומען אין דער היים. דער טיש איז שוין געווען געגרייט, און אַלע האָבן געוואַרט נאָר אויף שלומען. עס גייט אַוועק אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה — שלום איז נישטאָ. ערשט מיט אַמאָל דערהערן מיר — מען טרובעט אין קאָרידאָר. שלום גייט אַריין אַ צעשמייכלטער מיט צוויי קינדערשע טרומייטלעך אין מויל און טרובעט אויף וואָס די וועלט שטייט.

— איר זעט? אָט די צוויי טרומייטלעך האָב איך איינגעהאַנדלט פאַר אַ צענער. אויסגעפּרוּווט אפשר פופציק שטיק, ביז איך האָב אויסגעקליבן דאָס פּאָרל. דערפאַר איז דאָס אָבער די אמתע סחורה.

אזוי זיך אנטציקן מיט א פאר ביליקע קינדערשע טרומייטלעך (שלום עליכם האט דאן געפירט גרויסע געשעפטן און זיך געווארפן מיט געלט) קען נאר א קינד, און שלום עליכם, דאס קינד, האט זיך געקוויקט מיט דער מציאה, וואס ער האט געכאפט — צוויי טרומייטלעך פאר א צענער.

אפטאן א שפיצל איז איינע פון די פארשפרייטסטע קינדערשע שטיפעריייען. דא גייט נישט אין בייזוויליקייט אדער וועלן אפנארן, — דאס איז גיכער א שפיל, וואס פארכאפט דאס קינד און א נייגיריקייט צו זען, וואס וועט פון דער שפיל ארויסקומען.

פרואווט זיך דערמאנען, ווי דערפינדעריש זיינען די קינדער געווען אין דעם טאג פון ערשטן אפריל. וויפיל אומשולדיקע שפיצלעך פלעגן אפגעטאן ווערן אין דעם דאזיקן טאג. די קינדער פלעגן אומבייטן די קלאסןזשורנאלן, אפטמאל פלעגן גאנצע קלאסן זיך בייטן מיט די ערטער, זיי פלעגן אוועקלייגן ווייסן געפרעסטן קעז אנשטאט קרייד און נאך צענדליקער, צענדליקער אנדערע אזעלכע שפיצלעך. וואס איז דאס געווען אויב נישט קיין שפיל סיי מיט די חברים, סיי מיט די לערער?

איך געדענק איינמאל אין דער ווילנער רעאל גימנאזיע בין איך דעם ערשטן אפריל אריין אין מיין קלאס און געפונען אלץ אויף אן ארט. איך האב א קוק געטאן אויף די קינדער — עפעס זיצן זיי מיר צו שטיל, הייסט עס, אז ס׳גרייט זיך א שפיצל, און מען דארף זיין פארזיכטיק. איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף מיין ארט ביי א הויכן פולט (א קאטעדרע מיט א שאפקע), האב אוועקגעלייגט דעם זשורנאל אויפן פולט און האב אנגעהויבן אויסרופן די שילער. יעדער שילער, וועמעס נאמען איך האב אויסגערופן האט געענטפערט: „דא". ווען איך האב אויסגערופן דעם נאמען פון א שילער, דעם שטילסטן און רואיקסטן אין קלאס, האט זיך פלוצלונג געגעבן א הויב אויף דאס דעקל פונם פולט, א לאכנדיק קינדעריש פנים האט זיך ארויסגערוקט פון אינעווייניק און אויסגערופן: „איך בין דא". דער גאנצער קלאס האט אויסגעשאסן מיט א געלעכטער. איך האב זיך די ערשטע מינוט דערשראקן: אזוי אומדערווארט איז פאר מיר געווען צו געפינען א שילער אין מיין פולט, אבער איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן און צוזאמען מיטן קלאס הארציק געלאכט, ביז מיין בחור איז ארויסגעקראכן פון זיין באהעלטעניש און זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין ארט.

דאס איז אוודאי נישט געווען קיין ווילן וועמען נישט איז אפצונארן. ס׳איז געווען נאר א שפיל, א פריילעכע, אומשולדיקע שפיל.

און שלום עליכם, דאס דערוואקסענע קינד, האט נישט איין מאל

שטאַרק הנאה געהאַט פון אַ שאַרף געלונגען שפּיצל, וואָס האָט זיך אים איינגעגעבן ווען נישט איז אָפּצוטאָן.

אין זיין דערציילונג „אסתר" לייענען מיר, ווי אַ יינגל טוט אָפּ אַ שפּיצל זיין ברודער מרדכי. ער בייט אום צוויי בריוו, וואָס זיין ברודער האָט דורך אים געשיקט: איינער איז צום רבין מיט אַ דרייערל שלח־מנות בייגעלייגט, דער צווייטער איז צום רבינס טאָכטער. דעם רבינס בריוו מיטן געלט גיט ער אָפּ אסתרן און דאָס ליבע־בריוול צו אסתרן דערלאַנגט ער דעם רבין. אויך די ענטפערס פונם רבין מיט אסתרן גיט ער נישט אָפּ דעם אַדרעסאַט, ער טראָגט זיי בעסער אָפּ צום טאַטעו און קלייבט נחת פון דער קאַשע, וואָס ער האָט דאָ פאַרקאָכט. טראַכטן מיר זיך לייענענדיק די דאָזיקע דערציילונג: אָט אַ שטיפער, אָט אַ כל־בוניק. וואָס שלום עליכמס אַ יינגל קען איינפאַלן אין קאָפּ!

אָבער וואָס זאָלן מיר זיך וואונדערן אויפן יינגל, אַז שלום עליכם אַליין, אַ טאַטע פון קינדער און דאָן שוין אַ באַרימטער שרייבער, קען זיך נישט איינהאַלטן און טוט אָפּ אַ שטיקל אַרבעט מיטן זיידע ר' מענדעלעס בריוו, אַז דאָס יינגל פון זיין דערציילונג „אסתר" מעג זיך ביי אים גיין לערנען. ער שרייבט צו מענדעלען:

„אוי, זיידע, זיידע, צו פאַרשייטקייט העלפן נישט קיין יאָרן און נישט קיין צרות. איך בין זיך מודה, איך בין אַ פאַרשייט אייניקל. איך האָב דאָס היינטיקן פּסח אָנגעאַרבעט אַ כאַלעבורדע מיט אייערע בריוו־לעך, זאָל מיר גאָט מוחל זיין און איר אוודאי"1).

שמעוני (ש. דאָבין) שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט אַמאָל דערציילט שלום עליכמען אַן עפּיזאָד, ווי אַזוי מיט עטלעכע און צוואַנ־ציק יאָר צוריק האָט ער גענומען ביי זיין פריינד אַ טייער שטעקל, אַ ירושה־אָנדענק, און האָט עס ערגעץ וואו פאַרלוירן. זיין פריינד האָט געזוכט דאָס שטעקל, יעדן געפרעגט, צי ער האָט עס נישט געזען, אָבער שמעוני האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך מודה זיין, אַז ער האָט דאָס שטעקל גענומען. שלום עליכם האָט אויסגעהערט די מעשה און טאַקע דעם זעלביקן טאָג אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו שמעונים פריינד:

„איר געדענקט, אַז מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז ביי אייך פאַרפאַלן געוואָרן דאָס שיינע שטעקל, אייער טאַטנס שטעקל? דאָס איז ש. דאָבינס אַרבעט2).

י. ח. ראַבניצקי דערציילט, אַז ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט איבער־

---

1) זע דעם בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים.

2) שמעוני — וועגן שלום עליכמען (זכרונות און מחשבות).

געשריבן מיט שלום עליכמען, מיטגעארבעט אין זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", נאָר פּערזענלעך האָט ער אים נישט געקענט. און אָט וואָס ער שרייבט וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיט שלום עליכמען.

„בשעתן דרוקן „סטעמפּעניו" האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל פּערזענלעך באַקענט מיט שלום עליכמען. איך זיץ אין דרוק, קומט אריין אַ יונגערמאַן און גיט אַ פרעג דעם דרוקער, וואו מען קען איצט געפינען ראַבניצקין, און יענער ווייזט אים אָן אויף מיר.

— איך קום איצט פון קיעוו — זאָגט מיר דער יונגערמאַן — און האָב אייך געבראַכט אַ פריינדלעכן גרוס פון אַ גוטן באַקאַנטן.

— אוודאי פון שלום עליכמען?

— גלייך ווי געטראָפן.

איך נעם זיך דערפרעגן ביים יונגענמאַן וועגן שלום עליכמען, און ער ענטפערט מיר אויף איניקע שאלות, נישט אויף אַלע, ווייל ער קען אים אייגנטלעך נאָר פון דעם, וואָס ער באַגעגנט אים אָפט, כמעט יעדן טאָג אויף דער בערזע. אַזוי דערציילט ער מיר און באַוויזט נישט דערביי קיין סימן פון אַ שמייכל. ביז איך האָב פון איין תשובה זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ שפּאַס, און דער יונגערמאַן איז טאַקע שלום עליכם אַליין"(1)

אַזעלכע און צענדליקער אַנדערע שפּיצלעך האָט אָפּגעטאָן שלום עליכם אין זיין לעבן, ווייל דער קינדערשער דראַנג צו שפּילן זיך פלעגט זיך ביי אים אָפט ארויסרייסן, נישט געקוקט אויף זיין „פּאָלאָזשעניע" (ווי זיין ברודער פלעגט זיך אויסדריקן) אין דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור. טאָ וואָס איז דער וואונדער, וואָס ער איז געוואָרן דער גרעסטער און אפשר דער איינציקער קינדער־שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור?

* * *

וואָס פאַר אַ רייכע גאַלעריי פּרויען־טיפּן האָט שלום עליכם אונדז געשילדערט און ווי פאַרשידנאַרטיק איז זייער כאַראַקטער! מיר לייענען זייערע ווערק און אונדז דוכט זיך, אַז אָקאָרשט האָבן מיר זיי באַגעגנט, ערשט נישט לאַנג האָבן מיר גערעדט מיט זיי.

אָט שטייען פאַר אונדזערע אויגן ווי לעבעדיקע די מאַמע פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס" און גאָלדע פון „טביה דער מילכיקער" מיט זייער אומבאַגרענעצטער געטריישאַפט צו זייער מאַן און קינדער, מיט זייער

---

1) י. ח. ראַבניצקי — די ערשטע יאָרן פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט שלום עליכמען.

גרייטקייט צו ברענגען דעם גרעסטן קרבן פאַר יעדן מיטגליד פון זייער משפּחה.

און רחלע די שיינע פון „סטעמפּעניו"? ווי וואונדער־שיין האָט שלום עליכם באַשריבן דעם ערשטן ליבע־ציטער פון אַ פּרויען־האַרץ און די כאַראַקטעריסטישע צניעות פון אַ יידישער טאָכטער! וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד איז צווישן דער צאַרטער פּאָעטישער רחלען און סטעמפּעניוס ווייב פריידל, דער ניכטערער אויסגערעכנטער סוחרטע, אָדער צווישן איר און מנחם מענדלס ווייב שיינע שיינדל מיט מאַנסביי־לישן קאָפּ אויף די פּלייצעס.

ווער נאָך פון די יידישע שרייבער האָט אַזוי מייסטערהאַפט אויס־געלאָכט די יידענעס פון „די ווייסע כפּרה", „דאָס טעפּל" מיט זייערע ניין מאָס רייד, ווייבער, וואָס קענען פאַרמאַטערן אַ מענטשן און דער־פירן ביז חלשות, ווען זיי זעצן זיך אָן אויף אים מיט זייערע מעשיות, צו וועלכע ס'נעמט גאָר קיין סוף נישט.

און טביהס טעכטער? דער יונגער דור, וואָס רייסט זיך אָפּ פון דעם אַלטן שטייגער לעבן און זוכט נייע וועגן און פּריידיקט נייע אידייען, ביז איצט ווייניק באַקאַנטע אויף דער יידישער גאַס? אויך זיי האָט באַמערקט שלום עליכמס שאַרף אויג, אויך זיי פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט צווישן די הונדערטער פּרויען־טיפּן, וואָס ער האָט אונדז געשיל־דערט.

ס'איז צו באַוואונדערן, ווי טיף ער האָט געקענט אַריינדרינגען אין דער נשמה פון דער יידישער פרוי און דערזען דאָרט די שענסטע און לעבערלעכסטע שטריכן פון איר כאַראַקטער. און אַ מערקווירדיקע זאַך — אין זיינע קינדער־דערציילונגען פיגורירן כמעט נישט קיין מיידלעך, דאָרט שילדערט ער אונדז נאָר ייִנגלעך, דער עיקר חדר־ייִנגלעך. זיי האָט ער בעסער געקענט, זיי האָט ער בעסער געפילט, אָדער ריכטיקער —מיטגעפילט.

און אַז ער שילדערט ייִנגלעך, מוז ער שוין אויך שילדערן דעם חדר, ווייל דער חדר האָט פאַרנומען דאָס וויכטיקסטע אָרט אין דעם לעבן פונם יידישן ייִנגל. דעם גאַנצן טאָג, פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט, פאַרברענגט דאָס יידישע קינד אין חדר, און דעריבער זיינען זיינע קינדער־יאָרן ענג פאַרבונדן מיטן חדר.

אין אַ גאַנצער ריי דערציילונגען באַשרייבט שלום עליכם דעם אמאָליקן חדר און אומעטום שילדערט ער אים מיט אַזעלכע טונקעלע פאַרבן, וועלכע מען קען זעלטן געפינען אפילו אין דער טענדענציעזער השכלה־ליטעראַטור.

וואָס שטעלט פֿאַר מיט זיך דער חדר אין שלום עליכמס ווערק?

אַן ענג פֿינסטער שטיבל, אין מיטן שטיבל אַ טיש, אַרום וועלכן קינדער זיצן אַ גאַנצן טאָג און לערנען. קיין הפסקות זענען כמעט ווי נישטאָ, שפּילן זיך טאָרן די קינדער נישט — ס'איז בטול תורה. קינדער מוזן לערנען, און אַז זיי זאָלן לערנען, גיט שוין אַכטונג דער רבי.

און ווער איז דער רבי? — אַ ייִד אַן אָרעמאַן, וואָס האָט שוין מערסטנטייל אויסגעפּרואווט פֿאַרשידענע פּרנסות, און אַז ס'איז נישט געגאַנגען, האָט ער זיך גענומען צו מלמדות, ווערט ער אַ לערער, אַ דערציער. זיין גאַנץ ביטער האַרץ לאָזט ער אויס צו זיינע תּלמידים, שלאָגט זיי, מאַטערט זיי. דער איינציקער מעטאָד איז — אַריינשלאָגן אין קאָפּ אַריין, דער איינציקער מיטל איז דער קאַנטשיק. דאָס שמייסן ווערט אַזאַ געוויינטלעכע דערשיינונג, אַז קינדער רעאַגירן כמעט שוין נישט אויף דעם. טראַכט מען צו אַנדערע שטראָפֿן. מאַכט מען כלומרשט חברים־משפּטים, העצט מען די קינדער איינעם קעגן אַנדערן, צווינגט מען זיי צוטראַכטן משונהדיקע שטראָפֿן, און כּדי נאָך מער צו פֿאַרשעמען דעם באַשטראָפֿטן, טוט מען אים אויס נאַקעט, און אַלע קינדער שטעלן זיך אַרום אים און לאַכן פֿון אים („דאָס מעסערל").

פֿון וואַנען זאָל דער רבי וויסן, אַז דער גרעסטער טייל קינדער־שטראָפֿן באַזירט זיך אויף איינעם פֿון די צאַרטסטע געפֿילן, וואָס אַ קינד פֿאַרמאָגט — אויף שעמעוודיקייט, און אַז דער לערער דאַרף זיין באַזונדערס פֿאָרזיכטיק נישט איבערצוכאַפּן די מאָס, ווייל קינדערשע שעמעוודיקייט איז געגליכן צו מיידלשער צניעות, — אָפֿט באַליידיקטע, ווערט זי פֿאַרוואַנדלט אין אומפֿאַרשעמטקייט.

און די עלטערן?

אויך פֿון זיי זעט דאָס קינד קיין פֿרייע מינע נישט, הערט קיין גוט וואָרט נישט, ווייל עלטערן דאַרפֿן זיין שטרענג, דאָס קינד זאָל חלילה נישט צעלאָזן ווערן. גיבן זיי זייער סאַנקציע אויף אַלץ, וואָס דער רבי טוט. זיי שטעלן נאָך אָפֿט צו זייערע קינדער אַ „בענקעלע" און בעטן דעם רבין, ער זאָל נישט זשאַלעווען קיין שמיץ, ער זאָל קאַטעווען „ביז בלוט וועט גיין".

און שמייסן שמייסט מען פֿאַר יעדער קלייניקייט, פֿאַר יעדער קינדערשער, אָפּטמאָל אומשולדיקער שטיפֿעריי. אַלץ ווערט געטאָן, כּדי די קינדער זאָלן זיך נישט פֿאַרנעמען מיט „נאַרישקייטן", אַז זיי זאָלן ווערן „מענטשן".

האָבן טאַקע קינדער פֿיינט דעם חדר, דעם רבין און במילא אויך דאָס לערנען. טוען זיי טאַקע אַלץ וואָס זיי קענען, טראַכטן זיי צו פֿאַר־

שידענע תירוצים, כדי פטור צו ווערן פונם חדר כאַטש אויף אַ קורצער צייט („גזלנים“).

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ נעגאַטיווע באַציאונג פון שלום עליכמען צום חדר?

איך רעכן, אַז דורך זיינע דערציילונגען האָט ער אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס די יידישע קינדער, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, האָבן זיך דאַרט אַזויפיל אָנגעליטן, וואָס זיי האָבן שטענדיק געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון מורא פאַרן רבין, פאַרן קאַנטשיק, וואָס דער חדר האָט צוגערויבט ביים קינד דאָס ווייכטיקסטע און וואָס עס נויטיקט זיך — פרייהייט און די מעגלעכקייט פריי זיך צו שפּילן.

פון וואַנען טאַקע זאָל דער רבי וויסן, אַז דורך שפּילן פאַרפעסטיקט דאָס קינד די דערפאַרונגען, וואָס עס באַקומט פון דער אַרומיקער וועלט, אַז די שפּילן האָבן די ווייכטיקסטע באַדייטונג פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונם קינד?

דאָס האָט נישט געוואוסט דער רבי, דאָס האָבן אויך נישט געוואוסט די עלטערן. און ווען דאָס קינד קומט אַהיים נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן אין חדר און וויל זיך מיט עפּעס שפּילן, נעמט ביי אים דער טאַטע צו דאָס שפּילצייג, וואָס עס האָט מערסטנטייל אַליין געמאַכט, און הייסט אים זיך אײַנקוקן ביי אַ ספר, ווייל אַ קינד טאָר נישט אַרומגיין ליידיק („דאָס מעסערל“).

פּראָטעסטירט טאַקע שלום עליכם קעגן אַזאַ דערציאונג אין חדר און אין דער היים, וואָס באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען צו דערשטיקן די קינדישקייט אין דעם קינד און פאַרוואַנדלען אים אין אַ קליינעם יידעלע. אָבער דאָס קינד גיט זיך אַזוי לייכט נישט אונטער. מיט אַלע כוחות ווערט עס זיך קעגן אַלעמען, וואָס ווילן ביי אים צונעמען דאָס טייערסטע, וואָס ער פאַרמאָגט — זיין קינדהייט.

עס העלפן נישט די געשרייען פונם טאַטען, די שמיץ פונם רבין. שלום עליכמס קינדער בלייבן קינדער: שפּילן זיי אין קנעפּלעך אונטערן טיש אין חדר, ווען עס דוכט זיך, אַז זיי זענען שטאַרק פאַרטיפט אין לערנען; וואונדערן זיי זיך, וואָס זייערע טאַטעס זיינען נאָר פאַרטאָן אין זייערע ספרים און זעען גאָרנישט ווי שיין די וועלט איז אַרום זיי; האָבן זיי טענות צו די גרויסע, וואָס פאַרשטייען גאָרנישט וואָס הייסט שפּילן זיך, און יעדע שטיפעריי הייסט ביי זיי זיין אַ שייגעץ („מאָטל פּייסי דעם חזנס“).

זיצן די קינדער גאַנצע טעג פאַרשפּאַרט אין חדר און וואַרטן מיט

אומגעדולד, ווען וועט שוין קומען אַ יום־טוב, ווען זיי וועלן פּטור ווערן פונעם חדר, פונעם רבין און פון זיינע שמיץ. די יידישע ימים טובים זיינען אָן שום ספק געווען די גליקלעכסטע טעג אין דעם לעבן פון דעם **חדר־ייִנגל.**

„מאַמע, איך בין פריי! קום איך צו לויפן אַהיים אַ פּאָר טעג פאַר פּסח און זאָג איר אָן אַ בשורה, אַז מען האָט אונז צעלאָזט פונעם חדר" („דער פאַרשטערטער פּסח").

„טרעפט, קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פון אַלע ימים טובים? חנוכה — אַכט טעג כסדר נישט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידל און באַקומען פון אַלע זייטן חנוכה־געלט. נו, באַדאַרף מען נאָך אַ בעסערן יום־טוב?" („חנוכה־געלט").

זיינען טאַקע אַ סך קינדער־דערציילונגען ביי שלום עליכמען פאַרבונדן מיט די ימים טובים: „חנוכה־געלט" — מיט חנוכה; „ביים קיניג אחשורוש", „אסתר" — מיט פּורים; „דער פאַרשטערטער פּסח", „ערב פּסחדיקע עמיגראַציע" — מיט פּסח; „גזלנים" — מיט ל"ג בעומר; „דריי קעפּלעך", „גרינס אויף שבועות" — מיט שבועות; „די פאָן" — מיט שמחת תורה א. אַ. וו.

אָן שום ספק איז דער יום־טוב אַליין פאַר זיך אַ גרויסע פרייד פאַרן קינד. ס׳טוט אַמאָל אָן נייע מלבושימלעך לכבוד יום־טוב, עס ווערט אויף אַ ווײַלע פריי פונעם שווערן יאָך, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע יונגע פּלייצעס, אָבער מיר דוכט זיך, אַז ס׳איז דאָ נאָך אַ סיבה, אַ נישט ווייניקער וויכטיקע, פאַרוואָס דאָס קינד קוקט אַרויס מיט אַזאַ אומגעדולד אויף די גליקלעכע יום־טוב־טעג. דאָס איז די מעגלעכקייט פריי און אומגעשטערט זיך צו שפּילן. יעדער יום־טוב האָט זיך זיינע שפּילן, וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, לעגאַליזירט געוואָרן דורך דער העכערער מאַכט — דורך די דערוואַקסענע. דאָס קינד דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט באַהאַלטן, קיינער וועט ביי אים זיין שפּילצייג נישט צונעמען. שפּילן טאַקע קינדער פראַנק און פריי חנוכה אין דריידלעך, פּורים מיט גראַגערס, פּסח אין ניס, ל"ג בעומר שיסן זיי פון די ראָדביקסלעך, קלאַפּן מיט די שווערדלעך, מאַרשירן ווי סאָלדאַטן, שבועות פייפן זיי אויף די רויטע שמעקעדיקע שטענגלעך פון דעם שאַוער, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויפן דיל, שמחת תורה גייען זיי אַרום מיט הויך אויפגעהויבענע פאָנען, מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך אין די רויטע עפּל און טאַנצן צוזאַמען מיט אַלע גרויסע.

לעבן די קינדער מיט אַ פול קינדערש לעבן אין משך פון אַט די

געציילטע גליקלעכע טעג. דאָס פּרישט זיי אָפּ און גיט זיי נייע כוחות אַריבערצוטראָגן די אומעטיקע לאַנגווייליקע טעג אין חדר צווישן איין יום־טוב און דעם אַנדערן.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע איז, אַז כמעט אין אַלע זיינע קינ־דער־ווערק ווענן ימים טובים דערציילט אונדז שלום עליכם וועגן אַ פאַרשטערטן יום־טוב. פאַר די עטלעכע מינוט פרייד, וואָס ר׳ מאירס איניקל האָט געהאַט אין הויז פונם קיניג אחשורוש, וועט עס טייער באַצאָלן. ס׳וועט שוין כאַפּן דעם רעכטן פּסק פונם טאַטן און פונם רבין פאַרן אַרומלויפן מיט די פּורים־שפּילער און פאַרן שפּילן זיך מיט דעם שוסטערס קינדער, — עס וועט שוין האָבן אַ פאַרשטערטן פּורים („ביים קיניג אחשורוש"). דער נאָמען פון דער דערציילונג „אַ פאַרשטערטער פּסח" רעדט שוין אַליין פאַר זיך. דער העלד פון דער דאָזיקער דערציילונג טרוימט וועגן נייע שיינע מלבושימלעך אויף פּסח, וועגן שיך מיט סקריפּקעס און אַ היטעלע מיט אַ קנעפּל. בסוד פאַר דער מאַמען גייט ער צום שניידער בעטן, ער זאָל אים מאַכן אַ שפּאַלט מיט אַ קעשענע אין זיין נייער קאַפּאָטקעלע; ער גיט אָפּ דעם שוסטער־יונג זיין גאַנץ געלט, וואָס ער האָט אָנגעקליבן פאַרן גאַנצן יאָר, ער זאָל אים מאַכן שטיוועלעך מיט סקריפּקעס. ביידע זאָגן אים צו, און אַ גליקלעכער לויפט ער זיך באַרימען פאַר די חברים מיט זיינע שיינע קליידער, וואָס ער וועט האָבן אויף יום־טוב. די גאַנצע צייט טראַכט ער נאָר וועגן זיינע קליידער. אָבער ווען דער שניידער ברענגט אים ערב פּסח זיינע מלבושים און דער שוסטער די שיך, זעט ער, אַז מען האָט אים מאוס צוגעפּגנאַרט. אַלע קינדער לאַכן פון זיינע לאַנגע ברייטע אומגעלומפּערטע הייזלעך, פון זיין משונהדיקער קאַפּאָטע מיטן פּאַלבאַם, פון די שטיוואַלעס אין וועלכע „עס קען אַריינגיין נאָך אַזאַ פיסל ווי זיינס", פון זיין היטל, וואָס פאַלט אים אַריבער איבער די אויערן, און דער יום־טוב, אויף וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, איז פאַרשטערט געוואָרן.

„מיט אַ שווער געמיט און אַ פאַרקלעמט האַרץ גיי איך מיטן טאַטן אַהיים. קוים וואָס איך שלעפּ די פיס. עס ברענט אַ פייער אין מיין האַרצן. עס גייט מיר נישט אין די ארבע כוסות, וואָס מיר וועלן באַלד טרינקען, די פיר קשיות, וואָס איך וועל פרעגן דעם טאַטן, די הגדה, וואָס מיר וועלן זאָגן, די גוטע געפּעפּערטע פיש, וואָס מיר וועלן עסן . . . אַלץ, אַלץ איז מיר נישט ליב, נמאס, פאַרשטערט, פאַרשטערט".

און ל"ג בעומר, איינער פון די פריילעכסטע קינדער־ימים־טובים, ווען קינדער גייען אין וואַלד אַריין, באַוואָפנטע מיט ראָד־ביקסלעך און שווערדן, ווען די באַהעלפערס אַליין שפּילן זיך מיט זיי אין סאָלדאַטן?

וואָס קען נאָך זיין געשמאַקער פון דער קאָלעקטיווער סעודה, וואָס די קינדער אָרדענען איין אין וואַלד אויף דער פרישער לופט? אָבער אויך דער יום־טוב ווערט פאַרשטערט. די שקצים באַפאַלן די חדר־ייִנגלעך, די הינט צערייסן זייערע קאַפּאָטקעלעך, און זיי האָבן מורא זיך צו ווייזן פאַר די עלטערן, ווייל זיי ווייסן, וואָס זיי דערוואַרט, ווען זיי וועלן קומען אַהיים — אַ פאַרשטערטער ל"ג בעומר.

און שמחת תורה, דער פרייליכסטער יום־טוב נישט נאָר ביי קינדער אַליין, נאָר ביי ייִדן בכלל? אויך דאָ גיט אונדז שלום עליכם אַ פאַרשטערטן שמחת תורה.

אין „די פאָן" דערציילט אונדז שלום עליכם וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט טאָפּעלע טוטוריטו, דעם אָרעמסטן קינד אין שטעטל; ווי אַזוי ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ פאָן אויף שמחת תורה און ווי אַזוי דעם נגידס ייִנגל, וועלכער האָט אים מקנא געווען, וואָס ער האָט אַזאַ שיינע פאָן, האָט זי אונטערגעצונדן און פאַרברענט. טאָפּעלע איז געבליבן נאָר ביי דעם נאַקעטן שטעקל מיטן פאַריתומטן עפּל.

„עס האָבן זיך אַ גאַנץ געטאָן טרערן פון מיינע אויגן, די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר פינסטער געוואָרן. דאָס שטעקל מיטן עפּל און דעם ליכטן זענען אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין נישט וואוהין. איך גיי און גיס און גיס מיט ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַוויין מיין פאָן ווי מען באַוויינט אַ טויטן. איך קום צו גיין אַהיים איינער אַליין, אָן אַ פאָן, און איך פאַרקלייב זיך אין אַ ווינקעלע און אין דער פינסטער זיץ איך דעם קאָפּ אַראָפּ צווישן די קני און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל נישט זען, קיינער זאָל נישט הערן, און איך פרעג ביי גאָט אַ קשיא:

גוואַלד, גוואַלד, רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט דאָס מיר? פאַר וואָס און פאַרווען?"

בכלל ווערט די טעמע וועגן צערונענע טרוימען, וועגן כמעט דערגרייכטע אידעאַלן, וואָס ווערן צעשטערט, אָפט איבערגעחזרט אין שלום עליכמס קינדער־דערציילונגען. „דאָס מעסערל", „אויפן פידל", „דער פאַרשטערטער פסח" זענען אייגנטלעך פאַרשידענע וואַריאַנטן אויף דער זעלביקער טעמע.

* * *

זייער רייך איז די גאַלעריי קינדער־טיפּן אין שלום עליכמס ווערק. ער האָט אונדז געשילדערט קינדער פון אַלע סאָציאַלע שיכטן, וואָס דאָס ייִדישע שטעטל האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט: פון מאיר דעם נגידס איניקל, וואָס „עסט אין דער וואָכן אויך קוילעטש" ביז טאָפּעלע

טוטוריטו, וואָס האָט נישט געוואוסט דעם טעם, „וואָס הייסט אָפּעסן אַזוי, ער זאָל באַלד נישט קענען עסן נאָכאַמאָל". און מערקווירדיק, אַמ־גליקלעכסטן פילן זיך אין שלום עליכמס ווערק דווקא די אָרעמסטע קינ־דער, די וואָס האָבן נישט, וועך ס'זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. די עלטערן זענען אַ גאַנצן טאָג פאַרטראָגן, פאַרנומען מיט דאגות פרנסה. זיי זיינען שטענדיק פאַרזאָרגט און האָבן קיין צייט נישט נאָכצוקוקן די קינדער, זען, זיי זאָלן לערנען און נישט אַרומגיין פוסט און פאַס. קענען די קינדער זיך שפּילן, אַרומלויפן וויפיל זייער האַרץ גלוסט. אַט דערציילט אונדז מאָטל, ווי ער פאַרברענגט די צייט גלייך נאָכן פאָטערס טויט:

„איך בין פריי. אַ גאַנצן טאָג גייען איך מיך ביים טייך. אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך . . . אין חדר גיי איך נישט, לערנען לערן איך נישט, דאַווענען דאַוון איך נישט, זינגען זינג איך נישט — פּטור פון אַלצדינג . . ."

בלאָוונעס קינדער, אמת, האַלב־נאַקעטע, פילן זיך גליקלעכער ווי דעם נגידס יינגל, ווייל זיי קענען זיך שפּילן און טאַנצן ווען און וויפיל זיי ווילן.

וועגן באַלעבאַטישע קינדער האָבן מיר שוין גערעדט. דער רבי אין חדר און דער טאַטע אין דער היים גיבן שוין אַכטונג, אַז דאָס קינד זאָל קיין איבעריקע פרייע צייט נישט האָבן און זיך נישט אַרומדרייען ליי־דיק. אָבער דאָך האָט דאָס קינד אין זיין רשות עטלעכע פרייע מינוטן, ווען עס בלייבט אַליין אָן דער אויפזיכט פון די גרויסע און קען זיך אַביסל שפּילן כאָטש בגנבה פון די עלטערן.

אין דער ערגסטער לאַגע האָט זיך געפונען דאָס גבירישע קינד. דעם נגיד האָט נישט געפּאַסט צו שיקן זיין קינד אין חדר, ער זאָל זיך דאָרט לערנען מיט אַבי וועמען, האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַ מלמד אַהיים, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געדאַרפט לערנען און אַכטונג געבן אויף זיין תלמיד. „ער (דער רבי ר' איצי) איז געווען נישט נאָר אַ מלמד, אַ לערער אַליין נאָר אויך אַ מדריך, אַ וועגווייזער, אַ מין גובערנאַנטקע אויף צו לערנען דרך־ארץ, ווי אַזוי צו זיצן ביים טיש און ווי אַזוי צו עסן", דערציילט אונדז מאיר דעם נגידס אייניקל און רופט אים נישט אַנדערש ווי נאָר מיין מלאך המות.

דאָס גבירישע קינד האָט נישט נאָר נישט ווען זיך צו שפּילן, נאָר אויך נישט מיט וועמען זיך צו שפּילן. אויב אין חדר אָדער אין תלמוד־תורה האָבן די באַלעבאַטישע און אָרעמע קינדער חברים, איז דאָס גבירישע קינד געווען עלנט, ווייל מיט אַבי וועמען קען עס זיך נישט חברן, און קיין סך גבירישע קינדער זענען אין שטעטל נישט געווען.

קלאָגט זיך טאַקע דעם נגידס ייִנגל: „תמיד מיט אַלע גרויסע! שטענדיק מיטן רבין! אין דער פֿרי און ביינאַכט און שבת און יום־טוב („בײַם קעניג אחשורוש").

* * *

נײַשט פֿריילעך, גאַרנישט פֿריילעך גייען דורך די צאַרטסטע יאָרן פֿון די ייִדישע קינדער, אָבער אין שלום־עליכמס דערציילונגען איז נישט־טאָ די מינדסטע טענדענץ, ווי למשל ביי דינעזאָנען, אַרויסצורופֿן ביי אונדז אַ געפֿיל פֿון רחמנות צו זיי. שלום עליכמס קינדער נויטיקן זיך נישט אין אונדזער רחמנות, פֿאַרקערט, זיי האָבן אַפֿט רחמנות אויף די גרויסע, וואָס זיינען גאַנצע טאָג פֿאַרטאָן אין זייערע ספֿרים און זעען נישט, אַז אַרום זיי איז פֿאַראַן אַזאַ גרויסע שיינע וועלט. און ס'איז באמת אַ סך אַ גרעסערער רחמנות אויף מאָטלס ברודער, אליהון, דער פֿאַרוויינטער נשמה, וואָס זוכט אַרום מאָטלען, כדי אַרויסצושלאָגן פֿון אים דעם חשק צו מאָלן מענטשעלעך, ווי אויף מאָטלען, וואָס זיצט באַהאַלטן הינטער דער מאַמעס רוקן און ווערט שיר נישט צעפּלאַצט פֿון געלעכטער, קוקנדיק אויף אליהום כעס.

ניין, שלום עליכמס קינדער דאַרפֿן נישט אונדזער רחמנות. זיי זיינען ווי שטאָלענע ספּרוזשינעס. איר דריקט זיי צונויף, בייגן זיי זיך איין, ווערן זיי איינגעצויגן, אָבער ווי נאָר איר לאָזט זיי אויף אַ ווײַלע אָפּ, ציען זיי זיך צוריק אויס, גלייכן אויס דער איינגעבויגענעם רוקן און הויבן אָן צו געניסן פֿון גאָטס וועלט ווי אַלע נאָרמאַלע קינדער פֿון אַנדערע אומות העולם.

שלום עליכמס קינדער זיינען נישט געקינצלט, נישט צוגעפּוצט. מיר זאָלן זען ס'אַרא סטאַטעקעס זיי זיינען. זיינע קינדער זיינען מיט אַלע מעלות און חסרונות, וואָס לעבעדיקע געזונטע קינדער פֿאַרמאָגן. וויינען ביי אים קינדער, ווען זיי זעען ווי די דינסט שלאָגט אַ קאַץ, ווי מען פּרעגלט לעבעדיקע פֿישלעך („צער בעלי חיים"), און גלייכצייטיק קענען זיי פֿאַרמאַטערן צום טויט אַן אַלט אויסגעהאָרעוועט פֿערד, אַרויפֿזעצן אויף זיין אויסגעדאַרטן ביינערדיקן רוקן כמעט דעם גאַנצן חדר ייִנגלעך און דווקא אַלע מיט איין מאָל („מתושלח"). צעגייט זייער האַרץ פֿון רחמנות אויף אַ חברטע, וואָס איז געבליבן שטעקן אין אַנט־ווערפּן, ווען אירע עלטערן זיינען אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע („מאָטל פּייסי דעם חזנס"), אויף אַ קליין קינד, וואָס קען אַליין נישט גיין („באַשעפֿעניש") און פֿון דער אַנדערער זייט טראַכטן זיי צו די משונה־דיקסטע שטראָפֿן פֿאַר זייער חבר, און איינער שטייגט אַריבער דעם צווייטן אין אכזריות („דאָס מעסערל").

פֿאַרשידן זיינען די קינדער געשילדערט אין שלום עליכמס ווערק,

נאָר איין כאַראַקטער־שטריך פאַרמאָגן זיי אַלע — לעבנסלוסטיקייט און אַ שטאַרקע ווידערשטאַנדס־פעאיקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן אַלע פּרוואָון פון די גרויסע צו דערשטיקן זייער קינדישקייט.

גאָר אַ באַזונדער אָרט צווישן שלום עליכמס קינדער־טיפּן פאַר־נעמט מאָטל פּייסי דעם חזנס. אויסער אַלע געבענטשטע אייגנשאַפטן, וואָס אַ געזונט קינד דאַרף פאַרמאָגן, האָט אים נאָך שלום עליכם באַ־שאַנקען מיט אַ געפיל פון אַ דינעם פיינעם הומאָר, אַ דאַנק וועלכן ער קען אַריבערטראָגן מיט אַ שמייכל אַלע צרות, וואָס האַלטן זיך אין איין שיטן אויף זיין משפחה. אין דער ערגסטער סיטואַציע, ווען אַלע גייען אַרום אָן קעפּ, געפינט ער עפּעס אַ ליכטיקן שטראַל, וואָס האַלט אונטער זיין לעבנס־פרייד און לאָזט אים נישט אַריינפאַלן אין עצבות. ווען די גאַנצן מעבל ביי זיי אין שטוב איז שוין פאַרקויפט, כדי צו ראַטעווען זיין קראַנקן טאַטען, און ער שלאָפט אויף דער ערד מיט זיין ברודער, וואַרט ער ביז אַלע ווערן אַנטשלאָפן, און דאַן קייקלט ער זיך איבערן דיל פון דער ליידיקער שטוב אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייל „אָרט, קיין עין הרע, איז דאָ גענוג". זיין הומאָר מאַכט מילדער, ווייכער די גרויע נויט, וואָס האָט ווי מיט אייזערנע רייפן אַרומגענו־מען די גאַנצע משפחה, דעם דלות, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן צו זיי אין שטוב און וויל פון דאַרט גאָר נישט אַוועקגיין. דאָס קאַפּיטל „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום" איז אָן שום ספק דאָס בעסטע אין דעם גאַנצן ווערק און אפשר אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

אַלע העלדן פון דעם וואונדערבאַרן ווערק זעען מיר דורך מאָטלס ברילן. נישט אומזיסט קען ער אַזוי גוט מאָלן מענטשעלעך. מאָלט ער אונדז טאַקע גאַנץ כתרילעווקע מיט אירע קליינע מענטשעלעך אַזוי נאַטירלעך, אַזוי טרעפלעך, אַז נאָר איין מענטש קען זיך מיט אים פאַרגלייכן — שלום עליכם אַליין.

„אַז ער וועט אויסוואַקסן, מאָטל, וועט ער אויסוואַקסן אַ טביה", זאָגט ש. ניגער אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, און מיר דוכט זיך, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן, אָט דער מאָטל, וועט ער זיין אַ שלום עליכם. ער וועט אויפכאַפּן דאָס קאָמישע, דאָס לעבערלעכע פון יעדן מענטשן און עס אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר, אויב ער וועט האָבן אַ בליישטיפט. אָדער אויפן לייוונט, אויב ער וועט פאַרמאָגן אַ בערשטעלע מיט פאַרבן.

* * *

ווי אין אַלע זיינע ווערק, איז שלום עליכם אויך אין זיינע קינדער־דערציילונגען געבליבן אַ שטרענגער רעאַליסט. זיינע סיוזשעטן נעמט ער אָדער פון זיין אייגענער קינדהייט („דאָס מעסערל", „צער בעלי

היים", „אויפֿן פידל" א. אנד.), אָדער פונם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם יידישן קינד. ווען ער שילדערט אונדז עפּעס איבערנאַטירלעכס, ווען זיינע העלדן זעען אָדער הערן זאַכן אימאַזשינערע, איז דאָס אָדער אין צושטאַנד פון אַ קראַנקהייט („דאָס מעסערל") אָדער אין חלום („דער זייגער", „אליהו הנביא"). אָבער צו וואָס זוכן דאָס אויסערגעוויינלעכע, אַז דאָס קינדערשע לעבן איז אַזוי שפּאַנענדיק, אָפטמאָל אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי אינטערעסאַנט?

ווערן טאַקע אונדזערע קינדער אַזוי פאַרכאַפּט, ווען זיי לייענען אָדער הערן שלום עליכמס ווערק זיי און פאַר זיי געשאַפענע ווערק, וויל דאָרט זעען זיי זיך אַליין. זיי לעבן זיך אַריין זייער לייכט אין די סיטואַציעס, וואָס שלום עליכם שילדערט, און צוזאַמען מיט די העלדן לעבן זיי איבער אַלע זייערע פרײדן און לײדן.

*   *   *

דעם גרעסטן טייל פון זיינע קינדער־דערציילונגען, ווי אויך זיין גרעסער קינדער־ווערק „מאָטל פּייסי דעם חזנס" האָט שלום עליכם געשריבן אין פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג. דער שרייבער האָט זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון זיינע קינדער־העלדן, און מען זעט אים נישט אַרויס. זיינע קינדער דערציילן מעשיות וועגן זיך, און זייערע חברים, די לייענערס, הערן דאָס דירעקט פון זייער מויל. דאָס דערנענטערט זיי צו די העלדן פון די דערציילונגען, זיי פילן זיך מיט זיי היימישער. זיי ווערן גלייך פון אָנהויב גוטע פריינד און טאַקע באַלד נאָך דעם נאָענטע חברים.

די קינדער אַליין דערציילן ביי שלום עליכמען וועגן זייערע פּאַסירונגען, וועגן זייערע איבערלעבונגען, איז טאַקע די שפּראַך זייערע אַ לייכטע, אַ לעבעדיקע און דער עיקר — אַ נאַטירלעכע.

אַ סך קינדער־שרייבער זינדיקן אויף דעם געביט. אָדער זיי שרייבן מיט אַ שווערער האַמעטנער שפּראַך, וואָס די קינדער קענען נישט באַנעמען, אָדער זיי לאָזן זיך, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּ צו די קינדער און ריידן מיט זיי שוין מיט אַ צו קינדישער שפּראַך, אָט אַזוי ווי מיר רעדן צו פּיצלעך קינדער, ווען מיר פּיעשטשען זיי.ביידע אופנים קענען קינדער נישט פאַרטראָגן. די שווערקייט פון דער שפּראַך פאַרטונקלט פאַר זיי דעם אינהאַלט, און זיי וואַרפן אַוועק דאָס בוך אין מיטן לייענען. זיי ווערן מיד און קענען דעם שרייבער נישט נאָכפאָלגן. פאַרקערט, די ספּעציפיש קינדישע שפּראַך באַליידיקט זיי. איר קענט אָפט הערן ווי קינדער קלאָגן זיך: דאָס איז אַ ביכל פאַר אַ „בייבי".

קינדער האָבן ליב, ווען איר רעדט צו זיי ווי צו אַ גלייכן און נישט

ווי אַ העברעער צו אַ נידעריקערן. אין שלום עליכמס קינדער־העלדן פּילן אַלע קינדער זייער גלייכן, זייער חבר, הערן זיי זיך טאַקע גערן צו צו אים און גייען מיט אים מיט אומעטום, וואוהין ער פירט זיי, און גלויבן אים אַלץ, וואָס ער דערציילט זיי.

איך וויל דאָ נאָך באַמערקן אַז שלום עליכם איז נישט נאָר אַ מייס־טער אין באַהערשן די מאָרפאָלאָגיע פון דער קינדער־שפּראַך, — ער האָט אויך אַ באַזונדערן חוש פאַר דעם פּסיכישן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר ביים קינד ביים אָננעמען אַלטע און שאַפן נייע ווערטער — אַ געביט, וואָס איז נאָך ביז איצט זייער ווייניק אויסגעפאָרשט.

באַזונדערס ציכנט זיך אויס אין דעם זינען זיין שפּראַך אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס". ס'איז שוין לאַנג באַקאַנט, אַז אַ לאַנגע צייט נעמט אויף דאָס קינד אַלע ווערטער, וואָס עס הערט, בוכשטעבלעך און האָט גרויסע שוועריקייטן אין אַבסאָרבירן מעטאַפאָרעס און פיגוראַלע אויסדרוקן. שלום עליכם נוצט ברייט אויס אָט די דאָזיקע קינדערשע שוואַכקייט, און מיר לאַכן האַרציק פון מאָטלס נאַאיוויטעט, ווען ער בלייבט שטיין פאַר אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „איך פאַרשטיי נישט, ווי שפּייט מען דאָס אויס אַ נשמה", אָדער „ווי אַזוי קען מען ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל"?

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז, אַז שלום עליכם האָט אויך אויפ־געכאַפּט די אַנאַלאָגיע פון קלאַנגען אין דער קינדער־שפּראַך און עס אויסגענוצט אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס".

ווען אַ קינד הערט אַ וואָרט, וואָס קלינגט פאַר אים פרעמד, שאַפט עס אָפטמאָל אַ ניי וואָרט לויט איינעם פון די צוויי אופנים:

1) ווען עס ווייסט די באַדייטונג פונם וואָרט נאָר עס קען עס נישט אויסרעדן אָדער ס'דוכט זיך אים, אַז דאָס וואָרט איז פאַרגרייזט, שאַפט עס אַ ניי וואָרט, וואָס קלינגט אַנאַלאָגיש און ס'לייגט אַריין אין דעם דעם „ריכטיקן" זינען.

אַזוי, למשל, פלעגט אַדעלע ג. פון ריגע זאָגן עסטאָראַן אַנשטאָט רעסטאָראַן, ווייל דאָרט עסט מען, און רעסטאָראַן איז געווען פאַר איר אַ פאַרגרייזט וואָרט. שולמיתל ג. פלעגט זאָגן פלוימעלאַד אַנשטאָט מאַרמעלאַד (געמאַכט פון פלוימען) א. אַ. וו.

2) ווען דאָס קינד פאַרשטייט נישט די באַדייטונג פונם וואָרט, וואָס עס הערט, שאַפט עס אַ ניי וואָרט, וואָס קלינגט ענלעך, און זיין באַדייטונג איז אים גוט באַקאַנט, מעג דאָס אינגאַנצן קיין שייכות נישט האָבן צום אינהאַלט פונם געהערטן וואָרט.

כדי קלאָר צו מאַכן דעם דאָזיקן געדאַנק וועל איך ברענגען

אַ ביישפּיל פון מיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען. נעמילע ש., אַ מיידעלע פון דריי און אַ האַלב יאָר, וועמענס פאָטער האָט געאַרבעט דאָ אין מעלבורן אין אַ וועשעריי, האָט זייער אָפט געהערט: דער פּאַפּאַ איז אַוועק אין לאָנדרי. זי איז אויך געווען עטלעכע מאָל אין דער וועשעריי און האָט גוט געוואוסט, וואָס דאָס וואָרט לאָנדרי באַדייט. איר מוטער־שפּראַך איז געווען יידיש, און זי האָט נאָר געקענט עטלעכע געציילטע ענגלישע ווערטער. ווען זי האָט איינמאָל געהערט דאָס לידל:

Pussy cat, Pussy cat, where have you been?
I've been to London to visit the Queen.

האָט זי דאָס גלייך איבערגעזונגען:

Pussy cat, Pussy cat, where have you been?
I've been to the laundry to visit the Queen.

זי האָט עס חלילה נישט געמאַכט בכיוון, כדי אָפּצולאַכן פון דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. גאַנץ איינפאַך, דאָס וואָרט לאָנדאָן האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט און ס'האָט געקלונגען פאַר איר פרעמד, האָט זי עס פאַרביטן מיטן וואָרט לאָנדרי, וואָס איז איר געווען אַזוי גוט באַקאַנט.

מאָטלס אויסדרוק „קעסטל גאַרטל" אָנשטאָט קעסל גאַרדן באַווייזט די גוואַלדיקע אינטואיציע, וואָס שלום עליכם האָט געהאַט פאַר דער קינדער־שפּראַך, ווייל איך בין זיכער, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פאָרשן די פּראָצעסן פון קינדער־שפּראַך־שאַפונג, און לייענען וועגן דעם האָט ער אויך נישט געקענט, ווייל, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, זיינען די ערשטע פאָרשונגען אויף דעם געביט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אמת, ער פּרואווט די זעלבע מעטאָדן פון ווערטער־באַזיינונג און ווערטער־שאַפונג ביי קינדער אַריבערטראָגן אויך אויף דערוואַקסענע, ווי למשל אויף אליהון און פּינין אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס". אַזוי האַלטן זיי, אַז דאָס וואָרט קלאָק (זייגער) שטאַמט פון גלאָק, ווייל ביידע קלינגען; אַ סימן אַ קליין זייגערל, וואָס קלינגט נישט, הייסט וואָטש. „באָס" שטאַמט פון באַלעבאָס און ברעקפיש (ערשט שפּעטער דערוויסן זיי זיך, אַז מען דאַרף זאָגן נישט ברעקפיש נאָר ברעקפעסט), ווייל אויף אָנבייסן עסט מען אָפט פיש. צאָביי (אָנטרייב־וואָרט פאַר אָקסן אין אוקראַינע) באַנוצט זיי אָנשטאָט סאָבוויי א. אַ. וו. אָבער די ווערטער־שאַפונג איז אַ געקינצלטע און איז באַנוצט געוואָרן, כדי צוגעבן מער קאָמיזם זייער שפּראַך. פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט זיינען זיי במעט נישט.

* * *

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָב איך געקענט באַרירן נאָר איייניקע מאָמענטן וועגן שלום עליכמען, דעם קינדער־שרייבער. ס'איז שוין אָבער, דוכט זיך, די רעכטע צייט, אַז אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער זאָלן ווי געהעריק אָפּשאַצן זיינע קינדער־ווערק, וואָס זיינען אָן שום ספק די בעסטע אין דער יידישער ליטעראַטור און אפשר אויך אין דער קינ־דער־ליטעראַטור פון אַלע אַנדערע אומות העולם איבער גאָר דער וועלט.

בריוו פון שלום עליכמען

(איבערגעזעצט פונם רוסישן אָריגינאַל)

לאָנדאָן, 16־טן יוני, 1906, 4 אַזייגער פאַרטאָג.

ליבע און טייערע!

איר וואונדערט זיך מסתמא, וואָס איך שרייב אייך אַזוי פרי, 4 אַזייגער פאַרטאָג. באַלד וועט איר אַלצדינג וויסן. איר קאָנט אונדז אָפּגעבן מזל־טוב. מיר בײדע, איך און די מאַמע, האָבן געפונען פאַר זיך אַן אַרבעט, און זייער אַן אײדעלע אַרבעט, כאָטש זי האָט גאָרנישט צו טאָן נישט מיט ליטעראַטור, נישט מיט צײנדאָקטאָריי. איך ווייס נאָר נישט, צי מיר וועלן זיך לאַנג האַלטן ביי דער דאָזיקער באַשעפטיקונג. נאָר איר הייבט שוין אָן צו ווערן אומגעדולדיק, איר ווילט וואָס גיכער וויסן צו וואָס פאַר אַ טעטיקייט מיר האָבן עס אַוועקגעגעבן אונדזער גאַנצע ענערגיע? האָט זשע געדולד נאָך איין מינוט. מיר כאַפּן וואַנצן! ענדלעך האָט איר זיך דערוואוסט. נו, גאָט צו דאַנקען! אַצינד וועל איך אייך דערציילן אַלצדינג באריכות, ווי און וואָס און ווען.

נאָך אַ סך צרות מיט יסורים מיט שלעפּן זיך איבערן ווייטשעפּל, האָבן מיר סוף כל סוף דערטאַפּט צוויי פּראַכטפולע חדרים, אַ קאַבינעט מיט אַ שלאָפצימער, לערך נישט טייער, מיט מעבל, מיט בלומען, מיט אַ גערטל אפילו, נו, און, פאַרשטייט זיך, מיט אַן ענגלישן וואָטערקלאָזעט און הוץ לזה מיט זייער אַ ליבער באַלעבאָסטע, דאַכט זיך, פון די גאַליציאַנער איזראַעליטן, מיט ניין קינדער, זעקס טעכטער און דריי זין. היינט בעטן, מאַטראַצן, קאָלדרעס — אַלצדינג ערשט פון דער נאָדל. און שטעלט אייך פאָר, צוויי אַזייגער ביינאַכט כאַפּט זיך אויף די מאַמע, וועקט מיך מיט איר אויקען. וואָס איז געשען? דאָס קינד וואַרפט זיך, קאַטשעט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, איך אַליין פיל אויך דאָס בייזיין פון אַ זייטיקן קערפּער, און נישט פון איינעם, נאָר פון אַ סך קערפּערלעך, וואָס גייען זיך דורך מיט דריבנע טריטלעך איבער מיין גוף. מיר צינדן אָן אַ ליכט און — אָ, אַ שרעק! — אַ וואַנץ, און נאָך איינע, און נאָך צוויי, נאָך 5, נאָך 11, נאָך 34, נאָך 58, נאָך 82, נאָך 99 וואַנצן. און דאָרטן אַ מאה און אַ צווייטע איז צו באַמערקן אונטער

די קישנס. גיב אַהער דאָס ליכט, לאָמיר זיי ברענען, די אויסוואורפן! מיר כאַפּן אַ קוק פאַרבייגייענדיק אויף די ווענט — עהע־הע! אין די הונ־דערטער, אין די טויזנטער עמיגרירן זיי פון די ווענט צו דער סטעלי און צוריק. מיר קוקן אַריין אין קאַמין, אין שפּיגל־שאַנק, אין טיש־קעסטל, נישקשה, זיי זיינען דאָ, גאָט צו דאַנקען, אומעטום; אפילו אויף דער ערד שפּאַצירן זיי אַרום, די בעסטיעס. זיינען מיר אויפגעשטאַנען און גענור־מען זיך אָפּטרייסלען, טאַנצן און שפּרינגען. איך בין אַ בעלן געווען אַ טאַפּ צו טאָן אין די הויזן־קעשענעס, צי איז דאָרטן נישטאָ קיין וואַנצן? אוודאי, וואָס־זשע דען? געפונען עטלעכע שטיק. ביי דער מאַמע אויפן קאָרסעט, איך שווער ביי מיין ערע, האָבן מיר געפּאַקט איין חברה־מאַן. מיר זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר זיינען געקראָכן זוכן אין נומטשקים שפּילצייג, און אפילו אויפן ציפערבלאַט פון מיין זייגער. איצינד גייט אַריין, איך בעט אייך, אין אונדזער לאַגע: נאַכט. הויפּט־שטאָט פון גרויסבריטאַניע. ענגלישע קאָנסטיטוציע. קראָמוועל. ד'איז־ראַעלי. אַ מיליאַרד וואַנצן. דאָס ליכט האַלט ביים סוף. מיר קומען אויס מיט שוועבעלעך. וואָס־זשע וועט זיין ווייטער. אַז די שוועבעלעך וועלן אויך אויסגיין? אין גרויס פאַרצווייפלונג בין איך געגאַנגען און אויפגע־וועקט דער באַלעבאָסטעס צוויי זין. דערציילט זיי אונדזער אומגליק. זיי וואונדערן זיך, גלויבן נישט. „דאָס הייסט, זאָגן זיי, מיר האָבן נישט הלילה די העזה אייך נישט צו גלויבן, נאָר עס איז אוממעגלעך צו גלויבן, אַז ביי אונדז זאָלן זיך געפינען וואַנצן". ווייז איך זיי אויף אַ וואַנץ, וואָס קריכט טאַקע ביי זיי אויפן קישן, און זאָג: „און דאָס, לויט אייער מיינונג, איז נישט קיין וואַנצן?" — „וואַנצן, זאָגן זיי, סך־הכל איינע אַ וואַנץ!"...

אוודאי איז ביי אונז געבליבן גאַנץ פרי צו מאַכן פּליטה. נאָר צי וועלן מיר דערלעבן ביז אין דער פרי? צי וועלן אונדז די גרויס־ברי־טאַנישע וואַנצן נישט אויפעסן ביז דעמאָלט? פון הינטער דער שכני־שער טיר הערט זיך אַ פאַרשטיקט געלעכטער. דאָס לאַכן פון אונדז דער באַלעבאָסטעס צוויי זין. אַך, פאַרשאָלטענע.

אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט מיט זיך קיין באָמבע! אויפרייסן וואָלט מען זיי באַדאַרפט אינאיינעם מיט די גרויס־בריטאַנישע וואַנצן!...
(פאָרטזעצונג קומט).

אייער פּאַ.

נ. ב. — ליאַלי! עס ווערט דיר איבערגעגעבן צו קאָפּירן דעם דאָ־זיקן בריוו וואָרט ביי וואָרט און אָפּשיקן אַ קאָפּיע צו קויפמאַנען קיין פּאַריז. דו הערסט? און אויך דו, מישאַ, נעם אַראָפּ אַ קאָפּיע און שיק

צו דיין חבר קיין רוסלאַנד. זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, וואָס איך אָזעלכעס די גרויס־בריטאַנישע קאָנסטיטוציע מיט אירע וואַנצן.

בריוו צו מענדעלען (זאַמלבוך).

חוה"מ פסח ה"ת ס"ח (נישט ה'תרמ"ח) גענף, שווייץ.

אוי, זיידע, זיידע! צו פאַרשייטקייט העלפן נישט קיין יאָרן, נישט קיין צרות. איך בין זיך מודה — איך בין אַ פאַרשייט איניקל! איך האָב דאָס היינטיקן פסח אָנגעאַרבעט אַ האַלעבורע מיט אייערע בריוו־לעך — זאָל מיר גאָט מוחל זיין און איר אוודאי. הערט אַ מעשה:

היינט פרי קומט מיר אָן אייער בריוול און מען דאַרף גיין אין שול אַריין. געקומען אין שול, דערזעט מיך בן־עמי און ראַמט מיר איין אַ סוד: איר ווייסט? איך האָב אַ בריוול פונם זיידן! — מזל־טוב, אַנו ווייזט וואָס שרייבט דער זיידע? און רוקט מיר אַריין אין מחזור אַריין אייער בריוול אויף לשון קודש. לייען איך דאָס איבער און שאַר דאָס אַריין צו זיך אין קעשענע און גיי און רוק אים אַריין אין האַנט אַריין אָנשטאָט זיין לשון קודש בריוול — מיין „זשאַרגאָן"־בריוול. און דער חזן זינגט און די קאַטערינקע שפּילט, קוקט ער זיך נישט אום — און מאַרש אין קעשענע אַריין מיין בריוול, און איך — שאַ!

אַצינד קומט דער צווייטער טייל פון דער דראַמע: אַבערסאָהן.

ווי געוויינלעך אַ יידישע נשמה, אַז עס קומט צו אויסנעמענס גייט מען אַ ביסל אַרויס אין דרויסן, די הענט אין די קעשענעס און מען רויכערט אַ פּאַפּיראָס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע וואָרט אַבער־סאָהנס איז געווען: „איך קאָן אייך אָפּגעבן אַ גרוס פונם זיידן". ווי אַרום? „איך האָב היינט באַקומען אַ בריוול". טאַקי? אַנו, ווייזט!...

גענומען דאָס בריוול, איבערגעקוקט, און אין דער גיך איבערגעביטן, ד. ה. אים איבערגעגעבן בן־עמיס בריוול און זיך אַריינגעלייגט אין קעשענע אַבערסאָהנס בריוול, בשעת מעשה פאַררעדט די צייט וועגן דעם, ווי ער, אַבערסאָהן, האָט מיט דער מאַדאַם אַבערסאָהן געהויבן די שיסל און געזאָגט די הגדה „מיט אַלע תחינות" און אַזוי ווייטער, און — מאַרש אין שול אַריין צו מוסף.

אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן אַנטוויקלען די רעכטע אינטריגע מיט אַלע דראַמאַטישע מאָמענטן. קודם כל וועלן מיר גיין צו בן־עמי. אָדער ניין, איך לייג! פריער דאַרפן מיר זיך מטריח זיין צו אַבערסאָהנען. געקומען אַהיים, פריער געמאַכט קידוש, זיך געזעצט עסן מיט דער פרוי (אין פענסיאָן פוקס). ויהי כטוב לב המלך ביין רופט זיך אָן אַבערסאָהן צו דער פרוי אַבערסאָהן: היינט וועל איך דיר לייענען, וואָס

מענדעלע שרייבט אונדז פון אָדעס. נאַטירלעך אינטערעסירן זיך די געסט אויך, עס ווערט אַ שמועס, ווער איז דער מענדעלע? און דאָס מיינט טאַקע דער פסוק. נו, בקיצור, מענדעלע איז מענדעלע, שוין איינ־מאָל אַ מענדעלע! ס'איז דער גרויסער אַבראַמאָוויטש! — וואָס איז זיין געשעפט?... זיין געשעפט — ער איז אַ שרייבער, אַ יידישער שריי־בער, האָט איר געהערט מסתמא? האָב איך פון אים אַ בריוול פון אָדעס, ער איז אַצינד אין אָדעס. — ווי אַזוי שרייבט ער צו אייך? פּראַנצויז־זיש? — איר זייט אַפּנים נישט קיין היגער — זשאַרגאָן, פּשוט זשאַר־גאָן! אַזוי זאָגט אַבערסאָהן און נעמט אַרויס דאָס בריוול. ער הויבט אָן לייענען. אַ קלאָג צו אים: לשון קודש אַפּנים! ווי קומט עס? אין דער פּרי איז דאָס געווען זשאַרגאָן, איצט לשון קודש! בע־מע — עס גייט נישט! נישטאָ קיין לשון! הקיצור, ער דרייט איבער דעם בריוו אויף אַלע זייטן, ער קוקט זיך איין אין אַדרעס: בן־עמי! ווי קומט צו אים בן־עמים בריוול? ער האָט אים געזען פון דער ווייטן, נישט גערעדט קיין חצי דבור! וואָס זאָל דאָס הייסן?... הויבט זיך אויף אַבערסאָהן און גייט צו בן־עמין. אַ ברירה האָט מען?

ובן־עמי? בן־עמי האָט אָפּגעגעסן וואַרעמס (פיש געפילטע, און שאַר ירקות, כשר לפסח, און וויין כרמל פון נחומזאָן, זעלבסטפאַר־שטענדלעך) נעמט ער זיך צו דער יום־טובדיקער קאַפּאָטע ווייזן סאַרען, וואָס דער זיידע שרייבט. פרעגט אים סאַרע: „ווי קומט דאָס, פּאַפּאַ, וואָס דער זיידע שרייבט צו דיר יידיש, נישט העברעאיש?" — וואָס רעדסטו, סאַראַ? ביסט משוגע?... הקיצור, מען לייענט ביידע, בן־עמי איז אויסער זיך: גאַנץ פּרי, פאַר דער שול, איז דאָס בריוול געווען העברעאיש, — איצט שוין יידיש! מען דרייט, מען שמעקט פון אַלע זייטן. עס טוט אַ קלונג, און עס קומט אַריין אַבערסאָהן. „אַ גוט יום־טוב, אַ גאַסט!" — וואָסער גאַסט? הערט נאָר, בן־עמי, האָט איר נישט געהאַט היינט אַ בריוול פון זיידן?... יאָ, און איר? — איך אויך, נאָר ס'עפּעס מאָדנע: מיר דוכט, אַז מען האָט אונדז פאַרביטן די יוצרות אויף פּאָסט. — אַנו ווייזט נאָר אַהער אייער בריוול. — מילא, זייער גוט, דאַרף מען זיך אָפּבייטן. איז אָבער אַ צרה: בן־עמים בריוול ביי אַבערסאָהן איז טאַקע צו בן־עמי, אָבער אַבערסאָהנס בריוול ביי בן־עמי איז גאָר ווייס איך צו וועמען — צו שלום עליכמען! משמעות, אַז שלום עליכם האָט אויך באַקומען אַ בריוול פון זיידן, היינט וואָס האָט ער זיך געמאַכט אַזוי תמעוואַטע? איז איין מאָל אַוועק. והשנית, וואו איז אַבערסאָהנס בריוול? — הקיצור, מען דאַרף גיין צו שלום עליכמען און בן־עמי מיט אַבערסאָהנען הויבן זיך אויף און לאָזן זיך גיין צו שלום עליכמען (פאָרטזעצונג פאָלגט).


15.
⟨См. 15½⟩

האט קיין פאראיבל נישט, זיידעניו, וואס איך רייס איבער, מען דארף גיין זאגן קדיש. זייט געזונט און א דאנק וואס איר האט זיך דערמאנט, אז איר זייט שוין א זיידע און האט אייניקלעך, וואס האבן אייך ליב און ווינטשן אייך אלדאס גוטס.

שלום עליכם

א בריוו פון מנחם מענדלען פון אמעריקע צו א יידן וואס הייסט שרירא אין לאזאן אין דער שווייץ.

נארווי, ווילא בראנד 3, 22 נאוועמבער 1908.

לכבוד הגביר המפורסם החכם והמשכיל וכו' וכו' כמר שמואל שרירא נ"י.

ראשית באתי להודיעכם אז איך בין, ברוך השם, בקו החיים והשלום, אדער ווי מען זאגט דא, „אלרייט", גיב גאט דאס נעמליכע (זאל גאט היטן!) פון אייך צו הארכן מיט בשורות טובות ישועות ונחמות אויפן כלל ישראל — אמן.

והשנית זייט וויסן, אז אייער מכתב, וואס איר האט געשריבן צו מיין ידידי שלום־עליכם שיחיה, האב איך איבערגעלייענט עטלעכע מאל, און עס האט מיר שטארק הנאה געטאן, וואס אזא מענטש ווי איר, א סוחר פון קאווקאז, פרעגט זיך נאך אויף מיר, מנחם מענדלען, וואס האט גערדייט אמאל אין יעהופעץ אויף דער בערזע, היינט פלאנטערט ער זיך ארום אינם גאלדענעם לאנד אמעריטשקע גנב, א קלאג צו קאלומבוסן! איר פרעגט וואס איך מאך? ביזנעס מאך איך, איך דריי, נאר עס דרייט זיך צוריק, אמאל ארויף, אמאל אראפ, ווי געוויינטלעך. די וועלט איז אומעטום איין וועלט, ווי זאגט מיין קרוב רב טביה (דער מילכיקער): הפנקס פתוח והיד כותבת — איז דער טייטש: די וועלט איז א וואגן און דער מענטש איז א פערד און מיינט, ער איז א חכם . .

איך זאל אייך אנהייבן דערציילן וואס מיט מיר האט זיך איבערגעמאן אט דא, אינם געבענטשטן לאנד פון קאלומבוסן, וואלט מיר נישט געסטייעט דער ים מיט טינט. איך פארלאז מיך שוין אויף מיין פריינד רב שלום עליכם, ער אז ער וועט זיך נעמען צו דעם, וועט אויסקומען אגיל ואשמה — אי קורץ, אי גוט. דער עיקר איז דאך אבער נישט דאס. איר פרעגט ביי מיר אן עצה, צו וואס איר זאלט זיך נעמען פאר אן ארבעט נאך אלע אייערע טואכצן מיט אלע אייערע חלומות, השכלה, הערצעליזם, ציוניזם, טעריטאריאליזם, רעוואלוציאניזם וכדומה אזעלכע שמאכטעליאקעס, — קאן איך אייך, ליבער פריינד, זאגן אקוראט און אפנטלעך מיט אייך זיך דורכצורעדן, אבער בתנאי, איר זאלט קיין

פאראיבל נישט האָבן, וואָס איך רעד מיט אייך פראָסט, אָן קונצן, טאַקע ווי אַ גוטער פריינד און ווי אַ מענטש אַ געשלאָגענער, וואָס איז דורכגע־גאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום. קיין פילוסופיה וועל איך מיט אייך נישט שמועסן, מחמת איך בין ווייט דערפון און דער קאָפּ איז מיר נישט דערביי. קורצע דבורים: וואָס זוכן מיר? עולם־הבא. יעדער וויל זיין חלק עולם־הבא לויט זיין שכל נאָך. אַלע ווילן מיר, מען זאָל פון אונדז רעדן, און נישט נאָר היינט, אפילו מאָרגן, ווען מיר וועלן שוין מחילה זיין דאָרטן, זאָל אונדזער נאָמען האָבן אַ שטיקל קיום אויף דער וועלט. און אגב זענען מיר דערמיט עפּעס מתקן אויך, טוען עמיצן אַ טובה, אַ גרויסע אָדער אַ קליינע — בקיצור, מיר ווילן לעבן ווי מענטשן און שטאַרבן ווי מענטשן. אַנישט איז דאָך טאַקע ווידער אַמאָל ווי מיין פריינדל טביה זאָגט: ומותר האדם מן הבהמה — מיינט דער פּסוק: „סאָבאַקיע סאָבאַטשי סמיערט”... איר ווייסט מן הסתם, ליבער פריינד, אַז ס׳איז פאַראַן אויף דער וועלט, ביי די אומות העולם, גוטע מענטשן מיט איידעלע כאַראַקטערן, מיט הויכע נשמות — די דאָזיקע מענטשן הייסן מעצענאַטן. ביי אונדז, יידן, זיינען אויך געווען אַ פּאָר מעצענאַטן — אַ וואַוועלבערג, אַ פּאָזנאַנסקי. דער חסרון וואָס אונדזערע מעצענאַטן זיינען די כּפּרה נאָך גוים; מיינט איר, מחמת וואָס? מחמת עם־הארצות! איר, פּאַני שרירא, זייט דאָך אָבער אַ תּלמיד־חכם. אייך וואָלט, כ׳לעבן, אָנגעשטאַנען צו זיין אונדזער ערשטער יידישער מעצע־נאַט! אָט האָט איר אייך אַ טואַכץ, וואָס קאָן אייך מאַכן אַ נאָמען פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן עק. און טאָן דאַרפט איר אַזוי, נאָך מיין מיינונג געוויינלעך, דאָס הייסט, ווען איך זאָל זיין אויף אייער אָרט, וואָלט איך אַזוי געטאָן: אַזוי ווי אונדזער פריינד שלום עליכם איז אַ שטיקל בעל־שמחה, אַ יובילאַר מ׳שטיינס געזאָגט, און די וועלט קאָכט אַזוי מיט זיין יובילייַ, אַלע בלעטער זיינען פול, דעפּעשן, ברכות, אַד־רעסן פון דער גאָרער וועלט, עצות אַ סך, פּלאַנען אָן אַ שיעור, דער אַ פאָנד, דער אַ מאַיאָנטעק, דער אַזוי אַ מתנה, אַ פּאָלקס־מתנה, און די פּאָלקס־מתנה — דאָס איז, דאַכט מיר, דאָס וויכטיקסטע, וואָס די פאַרערער האָבן אויפגעטאָן, דהיינו: זיי בילדן אַ פאָנד, אום אָפּצו־קויפן ביי פאַרשידענע פאַרלעגער אין וואַרשע דאָס רעכט אויף די שוין דערשינענע ווערק פון שלום עליכם (צען טאָמען) און אוועקגעבן זיי דעם בעל־היובל. קענט איר דאָך אוודאי מיינען, אַז מען דאַרף דערצו קורחס עשירות, תּרפ״ט אַלפים? האָט איר היינטיקס מאָל נישט געטראָפן — אינגאַנצן וועט מען ברויכן דערצו אַ פיר אָדער פינף טויזנט קאַרבוצן, אַ ביסל איז שוין דאָ, לערך אַ צענט חלק. פעלט נאָך אַלזאָ אַזעלכע צען

טויזנט פרענקלעך, איז ווען איך זאָל זיין שרירא, וואָלט איך אַוועקגע־שריבן תיכף ומיד אַ בריוול צו די פרעזידענטן ד"ר לעווין און אברהם פּאָדלישעווסקי (לויטן אַדרעס: וואַרשע, לעשנאָ 34, ד"ר לעווין) און וואָלט זיך מיט זיי דורכגעשמועסט: „ברידערלעך, וויפיל פעלט אייך נאָך צו אייער פאָנד פון שלום עליכמס ווערק? איך, אַ ייד שרירא, וואָס קען נישט פערזענלעך אָט דעם שלום עליכם, נאָר איך קען זיינע ווערק, נעם אויף זיך דעם גאַנצן דיפערענץ און וויל, אַז מען זאָל דעם קראַנקן בעל היובל מהנה זיין וואָס גיכער וכו' וכו'..." באַקומען פון דער שווייץ אַזאַ מין מכתב וועט דער ד"ר לעווין באַלד צונויפרופן אַן אסיפה פונם גאַנצן קאָמיטעט, אין וועלכן עס געפינען זיך אויך אַ פּאָר מיליאָ־נערלעך, און אויסגעהערט דעם אינהאַלט פון אָט דעם שריראס בריוול, שפּרינגט אויף דער עולם פון די בענקלעך און עס ווערט אַ טומל אין דער מחנה ישראל, אַ געפילדער אין אַלע צייטונגען: שמע ישראל! אַ יידי־שער מעצענאַט! דער ערשטער יידישער מעצענאַט!... און דער קול קייקלט זיך אַריבער פון לאַנד צו לאַנד און דערגרייכט אַזש אַהער, צו אונדז אין אַמעריקע און דער בום ווערט אַזוי גרויס, אַז ער פאַרהילכט דעם רעש פון דעם עלעקשן מיט רוזוועלטן און מיט טאַפטן און מיט אַלע איבעריקע, שדים ווייסן זיי! — מיינט נישט, ליבער שרירא, אַז דאָס שרייב איך אייך בדרך הלצה. ערשטנס, בין איך נישט קיין מענטש פון פראַווען ליצנות. והשנית, ווייס איך, וויפיל בלוט עס קאָסט אונדזער פריינד שלום עליכם, וואָס האָט געמוזט פאַר אַ נזיד עדשים פאַרקויפן זיינע בעסטע שרייבעכצן צו פאַרשידענע פאַרלעגער, און איצט איז דער מאָמענט וואָס זיי זיינען געצוואונגען פאַר אַ געווויסן פּראָפּיט אַוועקצוגעבן זיי צוריק מיט הכל בכל צו שלום עליכמען. איך קאָן אייך פאַרזיכערן בהן שלי, אַז אין דעם ענין פון פדיון שבויים, פון אָפּקויפן צוריק די צען ביכער, איז פאַר אונדזער שלום עליכמען אַ לעבנס־פראַגע. נישט נאָר דעם גוף — די נשמה קויפט ער אויס פון גלות, און ער ווערט אַ ניי־געבוירענער מענטש, אָפּגעפרישט און געזונט און חדש ימינו כקדם! — אָט אַזוי, פעטערל, שטייט דער ענין, און איך בעט אייך מחילה, טאָמער האָב איך אייך מיט דעם חלילה באַליידיקט, אַ קשיה אויף אַ מעשה, און דער עיקר, איר זאָלט מיר ענטפערן תיכף ומיד אויף שלום עליכמס אַדרעס, נישט אַראָפּשלינגען מיין עצה און נישט ענטפערן, ווי אַנדערע, אַז איר האַלט נישט פון עברי־טייטש־לשון; שוין גלייכער, אַז איר זאָלט זאָגן אַ פּראָסטן אמת: איך וויל נישט!... און ווייטער קאָן איך אייך זאָגן, אַז אייער בריוו האָט שטאַרק אויסגענומען הן ביי מיר, הן ביי שלום עליכמען; איך בין נישט קיין מענטש פון

קאָמפּלימענטן, נאָר איר שרייבט מעשה שרייבער, גאָר נישט ווי אַ גע־וויינלעכער סוחר... און זייט מיר געזונט און מאַכט גוטע עסקים. אַכּמאָל, געדענק איך, האָט דאָס אויף קאַווקאַז שטאַרק געשפּריצט מיט נאַפט; איצטער בין איך אָפּגעריסן, ווייס איך נישט. הלוואי גאָט זאָל אייך געבן טאַקע גוטע געשעפטן מיט אַ גוטן ווילן אויפצוטאָן עפּעס פאַר די, וואָס האָבן כמעט זייער לעבן מפקיר געווען צוליב זאַכן, וואָס קערן זיך אָן מיט דער נשמה.

ממני ידידכם דו"ש והלחתכם

מנחם-מענדל פון יעהופּעץ, היינט אין אַמעריקע.

עיקר שכחתי: דאָס וואָס איר שרייבט אין אייער „עיקר שכחתי" וועגן אַ הלוואה, וואָס דער דאָקטאָר ווייצמאַן האָט אייך אָנגעמוט פאַר שלום עליכמען, ווייס איך נישט, וואו איז דאָ אַרוים דער טעות, נאָר אַז עס איז אַרוים אַ טעות — דאָס איז געוויס, און נאָך אַ מיאוסער טעות דערצו. עס פעלט דאָרטן אין דער סומע אַ נול. ווייס איך נישט, צי ביי ווייצמאַנען איז אַרויסגעפאַלן די נול, צי ביי אייך במחילת בכבודכם האָט זיך ביז דער פּאָסט גייענדיק אַרויסגעקויקלט אַ נול, צי די פּאָסט גופא האָט געהאַט אַזאַ גראָבן טעות? אפשר קאָנט איר מסביר זיין די געשיכטע מיט דער נול, וועלן מיר אייך געבן אַ יישר־כוח פאַר אייער טרחה. דער עיקר, איר זאָלט נישט ווערן אָנגעשטויסן און חלילה נישט מאַכן אַ שווייג, ווי אַנדערע נגידים, אַז מען הייבט אָן צו שמועסן מיט זיי וועגן אַכצן און דרייצן. זייט בעסער אַ גוטער ברודער, ווי עס זאָגט מיר דאָס האַרץ אויף אייך, וועט זיין גימל!

הנ"ל.

נאָך איין עיקר שכחתי: מיינט נישט פונדעסטוועגן, אַז מיר זיינען אַזעלכע כפויי־טובה. וואָס איז שייך? מיר פאַרשטייען נישט, וואָס הייסט אַ גמילת־חסד? גלויבט מיר, ליבער פריינד, ווען עס זאָל אפילו געווען אַרויספליען נאָך אַ נול, וואָלטן מיר אויך גאָרנישט זאָגן; נישט מער, ס'איז געקומען צו רייד, רעדט מען. ווי זאָגט איר, אַ וואָרט קאָסט קיין געלט נישט. שרייבט־זשע וואָס גיכער תשובה און זייט נאָך אַמאָל געזונט, און אַ דאַנק אייך, און לאָזט גריסן.

הנ"ל.

ליבער פריינד שמעון דאָבין! (שמעוני).

דאָס וואָס איר זעט אויבן — דאָס איז מיין שטענדיקע היים, נאָר זיין בין איך איצט אין נאַרווי.

וואָס שרייב איך פלוצים אין מיטן דרינען אַ בריוול? — איך האָב נאָר וואָס דורכגעלייענט אייער אַרטיקל וועגן דער „שולע" אין דער „אידישער וועלט" און האָב באמת הנאה געהאַט, הן מצד פונם אינ־האַלט, הן מצד פון דער שפּראַך. עפּעס אַזוי גלאַט, אַזוי ווייך, אַזוי זאַפטיק און אַזוי פאַרביק, אַז עס קוועלט דאָס האַרץ פאַר אונדזער יידיש. איר דאַרפט געדענקען, וואָס כ'האָב אייך מיל מאָל געזאָגט, אַז דער עולם האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן. אויף מיינע אויגן — אין די דרייסיק יאָר „קיין עין־הרע", וואָס איך שרייב — האָט זיך אונדזער יידיש אַזאַ רוק געטאָן, אַז ס'איז שוין טאַקע באמת אַ שאַנדע, ווי דער זיידע מיינער ר' מענדעלע זאָגט שוין לאַנג, וואָס מען רופט נאָך אין די געוויסע קרייזן און קלייזלעך „זשאַרגאָן"; און נישט אַזוי נאָך זשאַרגאָן, ווי זרגון!... און דער עצם ענין אַליין מיט דער „שול" אינטערעסירט מיך אומגעהייער! נישט פאַרגעסט, אַז דאָס זאָגט אייך אַ חסיד פון העברעאיש, וואָס איז גרייט צו פאַרקאַטשען די אַרבל און געבן פעטש די „אינטעליגענטן", וואָס ווילן איינפלאַנצן דייטש אין ארץ־ישראל. איך וועל אייך נישט זאָגן אויב געבן פעטש אָדער כאַפּן פעטש, וואָרום אָפטמאָל פאַרקאַטשעט מען די אַרבל און מען כאַפּט פעטש — נאָר עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט אויף די אַריסטאָקראַטן פונם האַלב־אַסימי־לאַטאָרישן לאַגער, וואָס ווילן אַרויסטרייבן לשון קודש פון ארץ־ישראל, פונקט אַזוי ווי עס בראָט מיך אויף אונדזערע הידד־פאַטריאָטן און איינ־געעקשנטע ציוניסטן, וואָס ווילן אַרויסטרייבן אונדזער יידיש אין גלות. שוטים! זיי ווייסן נישט, זיי זעען נישט, אַז זיי האַלטן מלחמה קעגן דער נאַטור. יידיש אין גלות, העברעאיש אין ארץ־ישראל — דאָס איז אַזוי פּראָסט, דאַכט זיך, און אַזוי קלאָר. ניין! עס גלוסט זיך אָבער זאָגן פאַרקערט. עס גענדזלט... אַז עוולה איז נאָר פון די (אויב עס איז אמת, וואָס די העברעאישע שאָוויניסטן דערציילן), אַז אייערע — די יעהופּעצער מיין איך — חדרניקעס „יידישיסטן" האָבן אַוועקגע־שטעלט אַ פאָדערונג אויסצורויכערן דעם חומש, כאָטשבי אפילו אויף יידיש געלערנט. דאָס איז שוין באַלד אַזוי ווילד ווי דאָס, וואָס אַ געווי־סער ציוניסטישער פירער שרייבט אונטער פון זיין סעקרעטאַר אַלע בריוו, אויסער די וואָס זיינען געשריבן אויף יידיש... בסוד וועל איך אייך זאָגן: איך ווייס נישט, אויב איך וואָלט געוועזן שלום עליכם, ווי

קליין איך זאָל נישט זיין, ווען איך וואָלט אין חדר נישט געווען און דעם חומש נישט געלערנט.

גריסט רחלען ג"פ און כעמעלען און זעמעלען זעלבסטפאַר־שטענדלעך.

ש ל ו ם ע ל י כ ם

עיקר שכחתי: אין גאַנצן אייער אַרטיקל איז מער נישטאָ ווי איין מאָל „ובכן" — אויך אַ שטיקל פּראָגרעס — איך לאַך נישט — ווי קומט זלמן איטשע קיין באַקו? אַ פאָלג מיך אַ גאַנג! וואָס איר זעט מיך נישט אויף די גאַזעטן איז נישט קיין סימן, אַז איך שלאָף, נאָך קיינמאָל אַזוי פיל נישט געשריבן ווי די לעצטע צייט. מסתמא וועט איר אין גיכן הערן פון מיר אויך. פון דעם אַלעם פאַרשטייט איר שוין, אַז איך בין געזונט און אַז מיר זיינען אַלע ב"ה בקו החוה"ש.

נאָך אַן עיקר שכחתי: איך האָב אייך אָפּצוגעבן אַ גרוס פון איינעם, וואָס ווערט נישט עלטער, עסט זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ, תמיד לעבעדיק, רירט נישט אָן קיינעמס כבוד, יאָגט זיך נישט נאָך געלט, האָט פיינט קאָמפּלימענטן, שטייט ווייט פון פּאָליטיק, לאַכט זיך אויס פון העברע־איסטן, זשאַרגאָניסטן, ציוניסטן, שאָוויניסטן און אַלע אַנדערע איסטן שבעולם — דאָס איז דער ים פון נאַרווי.

נאָך אַן עיקר שכחתילע: פון וואַנען ווייס איך אייער אַדרעס? אַנו טרעפט! דאָס איז אַזאַ שכל, וואָס נאָר שלום עליכמען קאָן אַזעלכעס איינפאַלן! איך גיי אויף דער מאַרינע, באַגעגענען מיך צוויי פּלימעניקעס פון רחלען, האָבן זיי דאָס מיר געגעבן אייער אַדרעס. איך זאָל אַזוי האָבן הצלחה בכל אשר אפנה, ווי איך זאָג אייך נישט קיין דבר שקר!

דער לעצטער פון אַלע עיקר שכחתים: היינטיקן שבת לייען איך דאָ צוליב דער היגער סאַנאַטאָריע, וואָס מיר האָבן דאָ געמאַכט, און אַ סברה איז פאַראַן, אַז גאָר אין גיכן זאָל איך געבן אַ פּאָר אַרוים (אָדער אַ פּאָר אַריין) אין אייער „היסנלאַנד"... (אָדעס, וואַרשע, לאָדזש, פּעטערבורג, מאָסקווע, ווילנע, קיעוו און אַזוי ווייטער, אויב מ'עט לאָזן לייענען). מער קיין עיקר שכחתים נישטאָ, וואָרום ס'נישטאָ וואו.

דאָס איז שוין נישט קיין עיקר שכחתי, נאָר גלאַט היימישע זאַכן, נייעס, וואָס קען אייך, רחלען און אַנדערע גוטע פריינד און גוטע מענטשן אינטערעסירן: איך בין אין נאַרווי — דאָס ווייסט איר שוין. מיין ווייב איז אין לאָזאַנאַ — דאָס פאַרשטייט מען במילא, וואָרום אַז נישט וואָלט איך דאָך געזאָגט, אַז מיר זיינען אין נאַרווי. אַי פאַרוואָס

זאָלן מיר ביידע נישט זיין אין נאַרווי אָדער אין לאָזאַנאַ? — דאָס איז נישט אייער עסק! איך קען אייך נאָר זאָגן, אַז צעקריגט זיינען מיר ח״ו נישט, הלוואי ביז 120 יאָר נישט ערגער. טיסי מיט בערקאָוויטש זיינען אין בערלין, טאַמאַרע וואַקסט (מיידלעך האָבן אַזאַ טבע — זיי וואַקסן!), ליאַליאַ מיט איר מיכאַיל זיינען אין בערלין — ער שטודירט דאָקטאָר און זי לאַכט, מישאַ אין לאָזאַנאַ, שטודירט יורי. עמאַ, מאַרוסיאַ אין לאָזאַנאַ, שטודירן „לעטער". נומאַ איז אַ שייגעץ — שפּילט שאַך מייס־טעריש און ערב פּסח איז זיין בר מצווה. אחרון אחרון חביב — ליאָ־ליאַס מיידעלע, בעלאַ, שוין איינמאָל אַ בעלאַ! אַ כּפּרה, אַ מיתה משונה זיבעציק פּורישקעוויטשעס מיט אַכציק זאַמיסלאַווסקיס פֿאַר איר איין שמייכעלע, בעת זי שמועסט זיך אויס מיט אירע קוקלעס און בעט זיי גיין שלאָפן!

— איך האָב געענדיקט! (ווי עס פּלעגן זאָגן אַמאָליקע רעפּערענטן).

אינהאלט:

זייט

הקדמה 5

שלום עליכמס אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן 7

י. ראַפּאָפּאָרט
שלום עליכם — דער פאָלקסטימלעכער זשעני 14

י. גיליגיטש
שלום עליכם — דער קינדער־שרייבער 45

בריוו פון שלום עליכמען 67